# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

נומער 3 • דאנערשטאג, י"ח חשון תשפ"ז • 29סטן אקטאבער 2026 • פרשת וירא

וַיֹּאמֶר אַל תִּשְׁלַח יָדְךָ אֶל הַנַּעַר

בראשית כ"ב, י"ב • פרשת וירא



אין דעם נומער

**עקדת יצחק מיט מאראלישע גלעזער**
רבי איד • לכבוד שבת קודש

**מעג מען זיך אנכאפן אין שכנ'ס וויי פיי?**
הלכה־שמועס

**ר' עזריאל דער אייזערנער קאפ**
הוגה • אנשי שם

**וויפיל טעכטער האט לוט געהאט?**
שמועסן אויף דער סדרה

**ליגנט זאגן**
טאמבל סאס • תורה און וויסנשאפט

**מיין שלעכטער גאסט געבער**
קפנדריא • הומאר

נומער 3 • דאנערשטאג, י"ח חשון תשפ"ז
29סטן אקטאבער 2026 • פרשת וירא

# ארכיוו

הקדמה

# פונעם געצעלט אין אלוני ממרא ביזן בארג המוריה

טייערע לייענער,

די וואך לייענען מיר פרשת וירא – די סדרה פון הכנסת אורחים, פון סדום, און פון דער עקידה – און דער דריטער נומער פון „ארכיוו" גייט מיט איר.

דער הויפט־ארטיקל, פון „רבי איד", פרעגט א קשיא וואס מען הערט נישט אלע טאג: אויב גאט האט געהייסן ברענגען יצחק'ן פאר א קרבן, און א מלאך – נישט גאט אליין – האט אים אפגעשטעלט, אויף וועלכן אופן איז אברהם בייגעשטאנען דעם נסיון? זיין תירוץ איז א שטארקער, און נישט יעדער וועט מיט אים מסכים זיין; צום סוף ברענגען מיר אויך א תגובה פון היידפארק אין תשס"ו, וואס פרעגט די זעלבע קשיא פון דער אנדערער זייט.

אויף דער „היימישער קרעטשמע" האט „קרעמער" אין תשס"ו געפרעגט וויפיל ווייבער, זין און טעכטער לוט האט געהאט, און ווי אזוי לוט'ס ווייב האט געהייסן. אין סדום האט מען געהאלטן אז „שלי שלי ושלך שלך"; אין קאווע שטיבל האט מען זיך געטענה'ט צי מען מעג זיך אנכאפן אין א שכנ'ס אפענעם ווי־פיי. שרה האט געלייקנט „לא צחקתי", און אין „תורה און וויסנשאפט" ברענגען מיר וואס די פארשער ווייסן היינט וועגן ליגנט זאגן. און אין „הומאר" באקלאגט זיך א גאסט אויף א בעל אכסניא וואס האט אים געגעבן א הויז אויף א שבת – נישט פונקט ווי אברהם אבינו.

כ"ב חשון איז די יארצייט פון ר' עזריאל הורוויץ, דער רב פון לובלין, וועמען מען האט גערופן „דער אייזערנער קאפ"; „הוגה" האט פארציילט א מעשה וועגן זיין קבר און דעם חוזה'ס קבר. דערצו די פעסטע קאלומס: „יארצייטן פון דער וואך", „פערל פון די ארכיוון", „היינט מיט . . . יאר צוריק" און „די תגובה פון דער וואך".

א גוטן שבת!

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| לכבוד שבת קודש | עקדת יצחק מיט מאראלישע גלעזער • רבי איד | 3 |
| שמועסן אויף דער סדרה | שאלות אויף פרשת וירא: וויפיל טעכטער האט לוט געהאט? • קרעמער און חברים | 5 |
| הלכה־שמועס | גנבענען ווי־פיי • טרויבן88 און די חברים פון קאווע שטיבל | 9 |
| קורץ און שארף | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | 11 |
| תורה און וויסנשאפט | ליגנט זאגן • טאמבל סאס | 13 |
| אנשי שם • כ"ב חשון | ר' עזריאל דער אייזערנער קאפ, און די צוויי קברים אין לובלין • הוגה | 17 |
| לוח | יארצייטן פון דער וואך • פרזניקס10 (באדיבות כינר1) • סקרן • ליטוואק פון בודאפעסט | 18 |
| הומאר | מיין שלעכטער גאסט געבער • קפנדריא | 19 |
| היסטאריע | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | 23 |
| קאלום | די תגובה פון דער וואך • ישמחבל | 27 |
| מקורות | מקורות • די רעדאקציע | 28 |

לכבוד שבת קודש

# עקדת יצחק מיט מאראלישע גלעזער

וועו אברהם האט נישט מקריב געווען יצחק'ן, און גאט האט זיך נישט ווידער באוויזן – פארוואס ווערט עס גערעכנט אז ער איז בייגעשטאנען דעם נסיון? א שטארקער ארטיקל, וואס פרעגט ווי אזוי יראת שמים און מאראל גייען צוזאמען.

פון **רבי איד** • אויסגעקליבן און מגיה געווען • די מיינונג פונעם שרייבער

כוואליעס • אנטאלאגיע, סוכות תשפ"ו • „עקדת יצחק מיט מאראלישע גלעזער" • 3טן אקטאבער 2025
https://chvalyes.sites.tab.bot/n/antologie.html#z4

## דער אנגענומענער נאראטיוו און זיין פראבלעם

אין דער מעשה פון דער עקידה וואס מיר לערנען אין חומש, און וועלכע מיר האבן אקארשט געליינט ראש השנה, טוט גאט אויספראווון אברהם מיט א ניסיון צו זען אויב ער איז וויליג מקריב צו זיין זיין באליבטן זון, יצחק.

די דערציילונג ברענגט אבער ארויף א שטארקע פראגע: אויף וואספארא אופן איז אברהם באמת בייגעשטאנען דעם ניסיון?

איבנאויף זענען פאראהן צוויי אופנים פאר אברהם בייצושטיין דעם ניסיון: א) אויב ער פאלגט גאט'ס באפעל און ברענגט זיין זון פאר א קרבן, אן געשטערט ווערן פון סיי וואס, אפילו פון א מלאך פון הימל. ב) אויב גאט אליין באווייזט זיך ווידער צו אברהם און קערט איבער זיין ערשטן באפעל, אויפ'ן זעלבן אופן ווי עס איז געגעבן געווארן.

אבער, די געשעעניש אנטוויקלען זיך אנדערש. אברהם איז נישט מקריב זיין זון אלס א קרבן, און גאט באווייזט זיך נישט נאכאמאל צוריקצוציען פון זיין באפעל. וואס פירט אונז צו דער פראגע: פארוואס ווערט דאס באטראכט ווי אברהם איז בייגעשטאנען דעם ניסיון ווען אין פאקט איז ער לכאורה דורכגעפאלן און געהאנדלט קעגן דעם באפעל פון גאט?

## דער קולטורעלער קאנטעקסט פון דער תקופה

כדי צו פארענטפערן די פראגע, מוזן מיר אריינגיין אין אברהם'ס וועלט.

אין יענע צייטן, זענען די קולטורעלע נארמעס געווען ראדיקאל אנדערש. קינדער זענען געווארן באטראכט ווי ווייערע עלטערן'ס פארמעגן, און ברענגען א קינד פאר א קרבן איז געווען א נארמאלע פראקטיציזירונג צווישן די פעלקער וואו אברהם האט געוואוינט.

די תורה האט דאס שפעטער פארבאטן, ווי עס שטייט: "וּמִזַּרְעֲךָ לֹא תִתֵּן לְהַעֲבִיר לַמֹּלֶךְ" (ויקרא יח:כא) – א קלארער פארבאט אויף אן עקזיסטירנדן פענאמען צווישן די פעלקער מקריב צו זיין קינדער צו דער עבודה זרה, און ווי דער רמב"ן איז דארט מסביר אז עס מיינט פארברענען צום טויט.

מיר געפינען אויך א זכר פון דעם מנהג אין אנדערע ערטער אין תנ"ך, ווי צום ביישפיל אין דער טראגישער געשיכטע פון יפתח, וועלכער האט געמאכט א נדר צו אפפערן דאס וואס וועט ערשט ארויסגעקומען פון דער טיר פון זיין הויז ווען ער קערט זיך צוריק פון דער מלחמה, און האט צום סוף מקריב געווען זיין איינציגע טאכטער (שופטים יא:ל-לט). מיר טרעפן עס אויך אין צענדליגער אנדערע פלעצער אין תנ"ך, און אין דער וועלטליכער היסטאריע איז עס אויך פארצייכנט.

די אלע ביישפילן ציינן אונז אז קינדער־קרבנות זענען געווען א חלק פון דעם קולטורעלן צייט-גייסט פון אברהמ'ס צייט, דעריבער איז א דירעקטער באפעל פון גאט צו ברענגען זיין זון אלס א קרבן נישט באטראכט געווארן ווי אזא שרעקליכע פראבע, נעמענדיג אין באטראכט די געזעלשאפטלעכע נארמען פון זיין צייט.

## אלטערנאטיווער פערספעקטיוו אויף דעם ניסיון

יעצט לאמיר באטראכטן אן אנדער צוגאנג צו דער געשיכטע.

אין א וועלט ווי בלינדע געטערדינסט צו די געטער האט איבערגעוואויגן די נאטירליכער אינערליכער מאראל, איז דער נסיון געווען טאקע דאס: צי וועט אברהם איגנארירן זיינע מאראלן און פאלגן דאס ווארט פון גאט, אדער וועט ער פארשטיין אז ריכטיגע יראת השם מיינט נישט טון וואס גאט הייסט, נאר וואס גאט וויל באמת, וואס געטליכקייט פארלאנגט, און דאס איז דער אינערליכער מאראלישער קאמפוס פונעם מענטש.

דעריבער האט גאט אים אונטערגעשטעלט א ניסיון, א טעסט, באפעלנדיג אים מקריב צו זיין זיין זון. אבער גאט'ס עכטע כוונה איז אז אברהם זאל זיך אנטקעגנשטעלן אפילו א באפעל פון גאט אליין, און נישט פאראטן זיינע געטליכע מאראלן. ווייל פאלגן די רייד פון גאט איז נישט איבער ווערטער אדער באפעלן עס

פארלאנגט זיך צו "וויסן" וואס גאט וויל, און אט די אייגנשאפט האט געדארפט ווערן איינגעווארצלט אין אברהם.

קומט אויס אז גאט'ס רצון איז קיינמאל נישט געווען אז אברהם זאל ח"ו שעכטן יצחק, דער איינציגער נסיון איז געווען איינצוזען אז "דאס קען נישט זיין ריכטיג". יראת השם איז נישט בלינד טון וואס מען הייסט. זי איז העכער, געבויט אויף וויסן וואס איז גוט און גערעכט, אפילו קעגן אן אויבנאויפיגן קלארן באפעל.

אברהם, צוליב זיין אומבויגזאמער אמונה, האט זיך טאקע געגרייט דורכצופירן גאט'ס באפעל, אבער, ווען דער מלאך קומט צו אים און רופט זיין נאמען צוויי מאל, שטעלט ער זיך אפ און ענטפערט מיט א גרייטקייט "הנני" – איך בין גרייט אוועקצונעמען מיין אויפמערקזאמקייט פון גאט'ס באפעל און קוקן טיפער. ער פארשטייט דעם מאראלישן געוויכט פון הרג'ענען אן אומשולדיגן מענטש, אפילו פאר גאט. און אזוי ווערט ער פארמיטן פון דורכפאלן גאט'ס עכטן ניסיון און חלילה שעכטן זיין זון צוליב א געטליכן באפעל. און אין יענעם מאמענט באקומט ער דעם העכסטן שטאפל פון מאראלישן באוואוסטזיין, וואס דאס איז די אולטימאטיווע "יראת השם".

און אט דאס איז די סיבה פארוואס א מלאך איז געקומען איבערקערן דעם באפעל און נישט גאט אליין, ווייל אויב נישט וואלט דאס צעשטערט די גאנצע מטרה פון דעם ניסיון, טאקע יא עובר צו זיין אויף גאט'ס באפעל.

דערנאך זאגט טאקע דער מלאך פאר אברהם אז זיין זיך אנטזאגן פון פאלגן גאט צייגט אויף זיין "יראת השם" און מאראליש געוויסן, וואס לויט דער בחינה איז יראת השם אן אינסטיקטיוו אייגנשאפט, א פנימיות'דיגע מידה, וואס ארבעט האנט ביי האנט מיט מאראל; איינער מיט ריכטיגער יראת שמים קען נישט האנדלען קעגן מאראל, ווייל זיי זענען באמת איין און די זעלבע זאך.

## אין די פסוקים

לאמיר דאס קלאר מאכן דורך די פסוקים אין בראשית קאפיטל כ"ב:

- א: וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְהָאֱלֹקִים נִסָּה אֶת־אַבְרָהָם וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַבְרָהָם וַיֹּאמֶר הִנֵּנִי.

דער פסוק שמועסט נישט אויס דעם ניסיון.

- יא: וַיִּקְרָא אֵלָיו מַלְאַךְ יְהוָה מִן־הַשָּׁמַיִם וַיֹּאמֶר אַבְרָהָם אַבְרָהָם וַיֹּאמֶר הִנֵּנִי.

דער מלאך רעדט, נישט גאט. און אברהם שרייט "הנני".

- יב: וַיֹּאמֶר אַל־תִּשְׁלַח יָדְךָ אֶל־הַנַּעַר וְאַל־תַּעַשׂ לוֹ מְאוּמָה כִּי עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי־יְרֵא אֱלֹקִים אַתָּה ...

לויט דעם פשט זאגט אים דער מלאך אז ער זאל נישט שעכטן יצחק און זאגאר דורכדעם וועט מען זען אז "יְרֵא אֱלֹקִים אַתָּה", אז דו ביסט א ריכטיגער ירא אלוקים.

- ... וְלֹא חָשַׂכְתָּ אֶת־בִּנְךָ אֶת־יְחִידְךָ מִמֶּנִּי.

דו האסט נישט אוועקגענומען יצחק'ס אויטאנאמיע און לעבן צוליב אוממאראלישע חשבונות.

## דער אוניווערסאלער מוסר השכל

צום לעצט איז מערקווירדיג ווי דער מלאך באצייט זיך צו יצחק מיט'ן טיטל "הנער", דער יונג, און נישט מיט זיין נאמען, יצחק. דער אויסוואל ווייזט אן אז דער מוסר השכל פון דער עקדה טראגט אן אוניווערסאלן באדייט. עס איז נישט נאר וועגן אויסמיידן שאדן צו יצחק ספעציפיש, נאר עס טראגט א ברייטערע לערע: עס עקזיסטירט נישט קיין בארעכטיגונג ווי צו טון אן אומשולדיגן מענטש, אפילו אין נאמען פון גאט.

סוף דבר, די עקדה איז נישט וועגן בלינדער פאלגזאמקייט נאר וועגן מאראלישן קוראזש. אברהמ'ס באשלוס צו דערהערן דעם מלאכ'ס רוף דעמאנסטרירט זיין אנערקענונג אין מאראל, און האט געלייגט דעם יסוד פאר דער מדה פון חמלה אין עם ישראל און איר מאראלישע שטארקייט.

צום שלוס פונעם ארטיקל איז פאסיג אראפצוברענגען א שטיקל פון הרב קוק זצ"ל וואס פאסט זיך גוט אריין צו דעם וואס מען לערנט ארויס פון דער עקידה:

דבר מוכרח הוא שיסגל האדם לעצמו את המוסר הטבעי הפשוט, בכל רחבו ועומקו, ואת יראת ד', ותמצית הטהור של האמונה הפשוטה, וכל מדותיה ברוחב ובעומק, ועל גבי שתי הסגולות הללו יבנה את כל מעלות רוחו העליונות. אסור ליראת שמים שתדחק את המוסר הטבעי של האדם, כי אז אינה עוד יראת שמים טהורה. סימן ליראת שמים טהורה הוא כשהמוסר הטבעי, הנטוע בטבע הישר של האדם, הולך ועולה על פיה במעלות יותר גבוהות ממה שהוא עומד מבלעדה. אבל אם תצוייר יראת שמים בתכונה כזאת שבלא השפעתה על החיים היו החיים נוטים לפעול טוב, ולהוציא אל הפועל דברים מועילים לפרט ולכלל, ועל פי השפעתה מתמעט כח הפועל ההוא, יראת שמים כזאת היא יראה פסולה. (אורות הקודש ג', א:א יא)

שמועסן אויף דער סדרה

# שאלות אויף פרשת וירא: וויפיל טעכטער האט לוט געהאט?

אין פרשת וירא תשס"ו האט „קרעמער“ געפרעגט פיר שאלות, אלע וועגן לוט. די חברים האבן צוגעלייגט נאך שאלות, געזוכט אין מדרש און אין ראשונים, און ביים סוף אויך געטראפן א מקור פאר ענר, אשכול און ממרא.

פון **קרעמער און חברים** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

הײדפּארק • הײמישע קרעטשמע • „שאלות אויף פרשת וירא“ • 13טן–22סטן נאוועמבער 2005
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1667520.html

**קרעמער** • 13טן נאוועמבער 2005

אלע פראגן פון דער וואך באציען זיך אויף (אונזער ציידע?) לוט:

1. וויפיל ווייבער האט לוט געהאט?

2. וויפיל זין האט לוט געהאט?

3. וויפיל טעכטער האט לוט געהאט?

4. וויאזוי האט געהייסן לוט'ס ווייב (די וואס איז געווארן א שטיק זאלץ).

הצלחה רבה!!!

**בןהרחמן** • 13טן נאוועמבער 2005

שאלה 3. וויפיל טעכטער האט לוט געהאט?

פיר טעכטער, צוויי פארהייראט און צוויי אומפארהייראט. (מד"ר בפרשתן פ"נ סי' ט').

שאלה 4. וויאזוי האט געהייסן לוט'ס ווייב? (די זאלץ געווארענע).

יש בזה כמה דיעות:

1) רבינו בחיי בפרשתן (יט, יז) שרייבט אז זי האט געהייסן עירית וכעי"ז ברענגט דער ילקוט ראובני בפרשתן בשם ספר טוב הארץ אז זי האט געהייסן עיזית

2) ילקוט ראובני בפרשתן בשם ספר הפליאה ברענגט אז זי האט געהייסן מלח.

איך ברענגט דארטן דער ילקוט ראובני בשם ספר הפליאה בזה הלשון: בא וראה מה אירע לאשת לפידות אשתו של לוט הביטה אחריה וכו' עכ"ל, פארשטיי איך נישט אויב ער מיינט צו זאגן אז אשתו של לוט האט געהייסן 'לפידות' דאן וואס שרייבט ער אשת לפידות,

**קרעמער** • 13טן נאוועמבער 2005

בן הרחמן;

א גוט מארגן!

אויף שאלה 3 איז דא נאך א דעה. אזוי אויך אויף שאלה 4.

**yankees** • 13טן נאוועמבער 2005

שאלה א'
וואס האט אברהם סערווירט די מלאכים?

שאלה ב'
וואס האט לוט סערווירט די מלאכים?

שאלה ג'
וועלעכע מענטשן פון סדום האבן ארומגערינגעלט לוט'ס הויז און געפאדערט זיינע געסט?

שאלה ד'
ווי אלט איז באבע שרה געווען ווען יצחק איז געבוירן?

שאלה ה'
פון וואו האט אברהם געהאט האלץ צו לייגן אויפ'ן מזבח?

שאלה ו'
פארוואס האט אברהם זיך געדארפט דורך רעדן מיט יועצים, צי ער זאל מקיים זיין מצוות מילה, צי נישט, נאכדעם וואס השי"ת האט עם געהייסן אזוי טון?

שאלה ז'
קיים אברהם אבינו כל התורה כולה עד שלא נתנה (שבת ??) פארוואס האט ער געווארט ביז די 99 מקיים צו זיין מצוות מילה?

שאלה ח'
ווי טרעפט מען היינט אזא מכניס אורח ווי אברהם אבינו?

**קרעמער** • 14טן נאוועמבער 2005

יענקיס;

די מימרא פון "קיים אברהם אבינו כל התורה כולה", שטייט נישט אין שבת (??), נאר אין יומא (דף כ"ח ע"ב), און עס איז א משנה אין סוף קידושין (דף פ"ב ע"א).

**אייןסאטמאר** • 14טן נאוועמבער 2005

שאלה א'

וואס האט אברהם סערווירט די מלאכים? ברויט

שאלה ב'

וואס האט לוט סערווירט די מלאכים? מצה,

אגב איז דא א דבר צחות מרביה"ק מסאטמאר זי"ע פארוואס ביי אברהם שטייט לחם און ביי לוט שטייט מצה, ווייל די מעשה איז געווען פסח, ותו"ד בקיצור אז עס האט צוטון מיט די מחלוקות ר' יושע ור' אליעזר צו בתשרי נברא העולם אדער בניסן, און אויב זאג איך בתשרי מוז זיין אז עס איז פלוצים געווארן פסח, במילא אאע"ה האט נישט געהאט קיין צייט צו מאכן זיינע מהודרדיגע מצות כדרכו האט ער בלית ברירה גענומען נישט קיין שמורה אדער מאשין מצות, און ביי אים האט דאס געהייסן לחם, משא"כ לוט האט אייביג גענוצט יענע מצות האט ער דאס אויך גערופן מצה, ודפח"ח

שאלה ד'

ווי אלט איז באבע שרה געווען ווען יצחק איז געבוירן?

90

שאלה ו'

פארוואס האט אברהם זיך געדארפט דורך רעדן מיט יועצים, צי ער זאל מקיים זיין מצוות מילה, צי נישט, נאכדעם וואס השי"ת האט עם געהייסן אזוי טון? אסאך תירוצים ווערט געברענגט דערויף, א) ער האט געוואלט מ' זאל אים אפרעדן כדי ער זאל האבן א נסיון (ולפי"ז זענען ענר ואשכול געווען צדיקים) ב) ער האט געפרעגט אויף וועלעכע פלאץ? ועוד ועוד. עיין בלקט בהיר.

**קרעמער** • 14טן נאוועמבער 2005

[...]

אברהם האט געגעבן ברויט? רש"י זאגט דאך ולחם לא הביא (גמ' ב"מ פ"ז ע"א)?

**כיטובו03** • 14טן נאוועמבער 2005

קען זיין דאס קומט ערגעץ אנדערש, אבער עס איז דאך פון דער סדרה לייג איך עס דא.

ווי עס איז באקאנט האבן ענר און אשכול אפגערעדט אברהם פון זיך מל'ן, און ממרא האט אים צוגערעדט, עס איז מרומז אין זייערע נעמען:

ע= עה

נ=נישט

ר=ריכטיג

א=אלטער

ש=שיכור

כ=כראנק (בת 'ק' כבת 'כ')

ו=ווילסטו

ל=ליגן

ממרא האט געזאגט

מ=מל'עט

מ=מל'עט

ר='ר

א=אברהם

**yankees** • 17טן נאוועמבער 2005

טייערע רבי קרעמער איך בעט דיך איבער מיט אן אמת'ע מחילה גמורה.

איך האב נישט געוויסט אז דא אין קרעטשמע דרייען זיך תלמידי חכמים ממש.

ווען יא וואלט איך נאכגעקוקט די גמ' פאר'ן שרייבן א מראה מקום.

איך האפ דו ביסט מיר מוחל פארן אינטערשאצן. מהיום והלאה וועל איך פרובירן דיך אפגעבן די ריכטיגע כבוד וואס ס'קומט זיך פאר אזא ת"ח ווי דו.

**קרעמער** • 17טן נאוועמבער 2005

טייערע חברים;

עס איז שוין דאנערשטאג (איך האב שוין געדאווענט מעריב) און איך האב נאכנישט געזען קיין צופרידנשטעלנדע תירוץ אויף מיינע שאלות!

ווייסט איר טאקע נישט וויפיל זין לוט האט געהאט?

ווייסט איר טאקע נישט וויפיל טעכטער לוט האט געהאט?

וואו זענט איר???

**חי_וקים** • 18טן נאוועמבער 2005

3) 5 ! א חוץ פון די פיר וואס בזהרחמן האט אויבן דערמאנט האט לויט גיהאט נאך א טאכטער וואס די סדומניקים האבן איר גע'הרג'עט !

די וואך איז די יא"צ פון תרח, ער איז געשטארבן צוויי יאר פאר דער עקידה, וואס ווערט דערמאנט אין היינטיקע פרשה,

פון וואנט קומט דער אויסדריק: ער איז "אן אלטער תרח" ? תרח איז דאך האלט געווען ביים שטארבן נאך 205יאר ?

וואס נאך?

**קרעמער** • 18טן נאוועמבער 2005

חי וקים;

זייער גוט געענטפערט! יעצט זאג מיר: וויאזוי האט אט די פינפטע טאכטער געהייסן אויפן נאמען?

**איבריג** • 18טן נאוועמבער 2005

ס'איז ממש א נחת דא אין קרעטשמע,

נאכן זיך דורכשמיסן אין אינדרויסיגן צימער, איבער די לעצטיגע מאוויס,

קום איך אריין דא, ס'איז ממש א מחיה, ש"ס פוסקים אויפן טיש,

מסתמא אין אזא מין קרעטשמע פלעגן ר' זושא און ר' אלימלך גיין, אדער אפשר פלעגן זיי גאר קומען אין דיזע קרעטשמע, ??? ווי אימער זאל נישט זיין: דאס איז א גוטע ארט, חזק ואמץ. האלטס אן די גוטע ארבעט

**קרעמער** • 18טן נאוועמבער 2005

איבריג;

שפירט אייך נישט איבריג דא. הייבט שוין אן ענטפערן אויף די שאלות פון די סדרה (אויב איר וועט אלעס וויסן צו ענטפערן, באקומט איר פרייע טיקעטס צו "אושפיזין"...).

**חי_וקים** • 18טן נאוועמבער 2005

קרמער

איר נאמען איז געווען 'פלטת' [...]

-------

משלים זיין וואס מ'האט נאך-נישט הענטפערט.

1) עמון ומואב

2)צווי טעכטער מיט אגעזאלצינע

4) ספר הישר: עדית

**קרעמער** • 18טן נאוועמבער 2005

חי וקים;

דו געווינסט אלע אונזערע פארמעסטן!

גוט געענטפערט אויף דעם נאמען פון לוט'ס פינפטע טאכטער (די 'ניק' אירע כאפ איך נאכנישט...).

גוט געענטפערט אויף דעם נאמען פון לוט'ס ווייב.

אבער...

ער האט פארמאגט נאך א ווייב

ער האט פארמאגט נאך זין

**קרעמער** • 20סטן נאוועמבער 2005

תירוצים אויף די שאלות פון פרשת וירא תשס"ו

1. וויפיל ווייבער האט לוט געהאט?

אויסער זיין זאלציגע ווייב, און זיינע צוויי טעכטער מיט וועמען ער האט געוואוינט, האט ער - מעגליך - געהאט נאך א ווייב, אזוי שטייט אין אבן עזרא (בראשית י"ט, ל"א) וז"ל: יתכן שהיתה לו אשה אחרת ומתה בתחילה עכ"ל, אבער דער רמב"ן דארט זאגט אז עס מוז נישט זיין אז ער האט געהאט נאך א ווייב ע"ש.

2. וויפיל זין האט לוט געהאט?

אויסער עמון און מואב וואס זענען אים געבוירן פון זיינע אייגענע טעכטער, האט ער - מעגליך - געהאט נאך זין. אזוי שטייט אין רמב"ן (בראשית י"ט, י"ב) וז"ל: ויתכן שהיו לו בנים גדולים נשואי נשים עכ"ל.

3. וויפיל טעכטער האט לוט געהאט?

אויסער די צוויי פארהייראטע [וואס ער האט איבערגעלאזט אין סדום] און די צוויי אומפארהייראטע [מיט וועמען ער האט שפעטער געוואוינט], האט ער געהאט נאך א טאכטער פלטית וואס זי האט חתונה געהאט מיט א סדומ'ער איינוואוינער, און מען האט איר פארברענט ווייל זי האט

געגעבן ברויט פאר אן ארימאן (פרקי דרבי אליעזר פרק מ"ה, זע אויך אין תרגום יונתן בראשית י"ח, כ"א, און אין פירוש יונתן דארט).

4. וויאזוי האט געהייסן לוט'ס ווייב? (די וואס איז געווארן א שטיק זאלץ)

אין פרקי דרבי אליעזר (פרק כ"ה) שטייט אז זי האט געהייסן עירית, אזוי שטייט אויך אין רמב"ן (בראשית י"ט, י"ז), אויך דער בעל הטורים שרייבט אז ותבט "אשתו" איז בגימטריא "היא עירית". אבער אין ספר הישר שטייט אז זי האט געהייסן עידית. זע אויך אין דעם ענטפער פון אונזער חשוב'ן מנהל משנה ר' 'בן-הרחמן' (אנהייב אשכול) נאך דעות.

**yankees** • 20סטן נאוועמבער 2005

יעצט אז אלע שאלות פון מורינו רב קרעמער זענען שוין פארענטפערט. און דער עולם איז שוין אביסל צו זיך געקומען. נאך אזא אנגעצויגענע וואך. מיט א זעלכע שווערע שאלות.

קען מען שוין פרובירן ענטפערן אויף מיין לעצטע שאלה... וייל איך קוק יעצט ארויס פון מיין פענסטערל איך זע דעם יוד שלאפן דא אינדרויסן מיט אלע זיינע פעק און זעק. יעצט אז איינער וועט זיך נישט מרחם זיין דא. וועל איך עם אהער אין קרעטשמע ארייננברענגען...

**קרעמער** • 20סטן נאוועמבער 2005

פרוביר ביי ר' ברוך'ן (בעדפארד קארנער העיווארד).

**gishmoker** • 20סטן נאוועמבער 2005

יענקים

וואס איז מיט דיר ?

הכנסת אורחים איז ביי דיר א יענקי' געים ?

מצוה הבא לידך אל תחמיצנה

**קושקע** • 22סטן נאוועמבער 2005

אויף די "הוא שנתן לו עצה על המילה לפיכך נגלה אליו בחלקו"

האבעך געקלערט לפע"ד הקצרה, אז ס'ליגט מיר און קאפ אז סיז דא א חז"ל, אז ענר אשכול וממרא האבן אויך זיך געמל'עט דורך אברהם'ען איידער אברהם האט זיך אליינס געמל'עט, און ווי האבן ליידער נישט איבערגלעבט די יסורים און סכנה פון ברית מילה, און זענען געשטארבן,

איינער ווייסט אפשר דער מקור?

אלנספאל, קען זיין אז די "הוא שנתן לו עצה על המילה" גייט ארויף אויף זיך זעלבסט, נישט אויף א"א, און פאר דעם האט מען זיי געגעבן די שכר,

**קרעמער** • 22סטן נאוועמבער 2005

יישר כח קושקע!

איך האב אדאנק דיר נאכגעקוקט, און גלייך געפונען אין דעת זקנים מבעלי התוספות (אנהייב פרשת וירא) וז"ל: ואי קשיא ממרא שנתן לו עצה מדוע לא מל עצמו, לסוף נמול כדאיתא באגדה עכ"ל.

און דער חזקוני שרייבט ממש ווי דיר:

ויש אומרים אף ענר אשכול וממרא נמולו, כדאיתא באגדה ענר אשכול וממרא כולם מתו בדבר מילהעכ"ל.

יישר כח פאר דער ידיעה!

הלכה־שמועס

# גנבענען ווײַ פֿיי

„שלי שלי ושלך שלך – זו מדת סדום“. ווער עס לאזט זײַן ווײַ פֿײַ אפן, האט ער מוחל? און איז עס „זה נהנה וזה לא חסר“, אדער גאר א גניבה? א שמועס פון 2016.

פון **טרוויבן88 און די חברים פון קאווע שטיבל** • אויסגעקליבענע תגובות [פאַרקירצט] • נישט קיין פסק הלכה

קאווע שטיבל • טעכנאלאגיע • „גנבענען ווײַ פֿיי (wifi)“ • 10טן סעפטעמבער 2016 – 2טן יאנואר 2017
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10899.html

**טרוויבן88** • 10טן סעפטעמבער 2016

איך וויל פרעגן א שאלה אינטערעסאנט אז איך טרעף נישט אן אשכול איבער דעם.
איך וויל וויסן סיי די תורה'דיגע הלכה און סיי די עטישע שטאנדפונקט...
מאכט זיך אסאך מאל אז איינער ציט זיך אריין און א שטוב אדער איינער גייט פאר א וויזיט ערגעץ און ער האט נישט בכלל קיין אינטערנעט אדער האט ער ווירייזאן אדער האט ער טי-מאביל און עס ארבייט נישט דארט, און ער צינדט אן די ווײַ פֿײַ און ער טרעפט דארט אן אפענע ווײַ פֿײַ,
1) מעג ער זיך בכלל קאנעקטן?
2) אם תמצא לומר אז מען מעג, ווילאנג מעג ער זיין דערויף? און וואס מעג ער עס ניצן פאר וועב און אימעילס? אדער אויך פאר ווידעאס?
3) און פאל איינער האט און זיין הויז געטראפן ווײַ פֿײַ און ער פלנט צי ניצן דערויף, און אזא פאל מעג מען??
איך האב איינגעטיילט די שאלה ווייל יעדעס איינס איז א סוגיא פאר זיך,

נאמבער 1 פארוואס זאל א מענטש בכלל מעגן ניצן יענעמס א זאך, אפילו לאמיר זאגן אז יענער איז א פושע, אדער פארוואס געט עס דיר רעכט צי נוצן יענעמס א זאך?

נאמבער 2 אז איינער ניצט טעמפארערי ווײַ פֿײַ פון איינעם לאמיר זאגן פאר 5 מינוט קען זיין אז עס זעט זיך נישט אן, אויכעט ווענדט זיך עס וואס, אויב ער עפענט אימעילס קען זיין מען מעג וויבאלד עס זעט זיך נישט אן, אבער מעג מען סטריעמען אדער דאנלוידן ווידעאס?

נאמבער 3 ווען א מענטש זעט זיך ארויף אויף איינעמס ווײַ פֿײַ וועט עס בדרך כלל פארשטייטערן יענעמס ווײַ פֿײַ, מעג מען? און אויב למשל אויב איינער זעצט זיך ארויף אויף איינעמס ווײַ פֿײַ און דאס האט צעגעבערענגט אז יענער זאל קויפן א נייע router אדער אז יענער זאל רופן די קאמפעני אז עס איז שטייט געווארן, וואס איז די הלכה און די פעלער,

און וויאזוי קען מען עס פיקסן אויב איינער האט עובר און די פעלער?

און סתם אזוי א זייטיגע קשיא אויב איינער האט אפענע ווײַ פֿײַ און איינער ניצט עס פאר אסורע זאכן למשל ער קוקט שמוציגע זאכן איז דער בעל הוויי פֿײַ שולדיג? אדער א גרמא אדער א גרמי?

**mevakesh** • 10טן סעפטעמבער 2016

אויב עס קען זיין אז דער פלאן איז לימיטעד איז דאך פשוט אז עס איז גניבה ממש אויב קען נישט מען אנהייבן דן צו זיין

**ווייל אזוי** • 10טן סעפטעמבער 2016

אז איינער לאזט אפן ווײַ-פֿײַ קען מען לכאורה נישט זאגן אז ס'איז גניבה.

אויב איינער ווערט געוואר יענעמ'ס פעסווארד דעמאלטס איז אנדערש.

**טרוויבן88** • 10טן סעפטעמבער 2016

אויב איינער לאזט איבער א חפץ בפשיעה ווערט דאס הפקר?

**קל וחומר** • 10טן סעפטעמבער 2016

עס איז אומלעגאל זיך צו באנוצן מיט א צווייטענס ווײַ פֿײַ אן רשות. (שטייצער אז אזא זאך קען נישט געהעריג אינפארסירט ווערן, אבער טאמער דער בעל הוויי פֿײַ וויל דוקא קען ער טעקניקלי פרעסן טשארדשעס.)

**סימפל** • 10טן סעפטעמבער 2016

ער וויל מתיר זיין ביז ווי לאנג מען איז נישט 'מחסיר' יענעם, דהיינו דאנלאודן ווידיאו וכדומה ווי עס פארשטאטערט דעם אינטערנעט. און פארשטייט זיך אז עס איז געפילטערט.

**וויל אזוי** • 10טן סעפטעמבער 2016

ס'איז מער ענליך ווי איינער שטעלט זיך אפ ביי דעם היטש פלאץ מיט אן אפענע טיר.

**כפתור** • 11טן סעפטעמבער 2016

אויב דער בעל ה'וויפיי האט נישט קיין שאדן זע איך נישט קיין פראבלעם, ס'איז אזוי ווי זיך באניצן מיט איינעמ'ס לעקטער וואס שיינט אינדרויסן. נר לאחד נר למאה..

**berlbalaguleh** • 11טן סעפטעמבער 2016

כפתור: אבער אויב יענער טעעפט אריין אין זיין שכנ'ס מיטער איז עס שוין איינמאל גניבה...!

**טרויבן88** • 11טן סעפטעמבער 2016

ער ניצט אבער פאקטיש יענעמס אזאך. בכלל נישט דומה צי א לעקטער

**קל וחומר** • 11טן סעפטעמבער 2016

זיי ביטע מסביר מיט וואס עס איז אנדערש ווי לעקטער?

**berlbalaguleh** • 11טן סעפטעמבער 2016

קל וחומר: כאטש דו האסט נישט מיך געפרעגט, וועל איך מיר נעמען רשות, הרמן ורשותא דיר צו ענטפערן. באנוצן זיך מיט יענעם'ס וויפיי איז אינגאנצן נישט גלייך צו באניצן זיך מיט א לייט וואס זיין שכן האט אנגעצינדן. ווייל ווען ער באניצט זיך מיט די לייט וואס ברענט ממילא, איז נישט דא קיין שום מציאות אז זיין שכן זאלל זיין אויף עפעס אן אופן פאראנטווארטליך פאר זיין באנוץ. משא"כ ביי ווי פיי, קען זיין אמאל א מציאות אז דער שכן, דער בעה"ב פון דעם ווי פיי אקאונט זאלל האבן א שאדן. למשל אז ער גייט אויף נישט גוטע פלעצער, ל"ע און דער שכן וועט ליידן דערפון. און זיין רעפוטאציע קען געשעדיגט ווערן. אדער, די רעגירונג קען זיך אמאל פארלייגן אויף איהם, כמו שאמרתי...!

**טרויבן88** • 11טן סעפטעמבער 2016

צו @קל וחומר כאטש berlbakagulah@ האט שוין אביסל געענפערט האט ערנישט גערדרוקט די עיקר... ווען דו האסט הנאה פון דיין שכנ'ס לייט איז עס נישט א פעולה וואס דו טוסט, עס איז דא א לעקטער וואס ברענט און דו האסט הנאה, מה שאין כן ווען די פארבינדס דיך פיזיש צי יענעמס ווי פיי, דאס מיינט אז די צינדסט אן זיין ווי פיי פאר דיר משל למה הדבר דומה אז די צינדסט אן אדער די דרייעסט אוועק די לעקטער פון דיין שכן אז עס זאל שיינען צי דיר.

און בכלל דעם אז עס איז רימאוטלי מאכט עס נישט וויניגער גנב! עס איז אזוי ווי דו גייסט אריין צי זיין ראוטער און די שטעלסט אן אז עס סאל אויך ארבייטן פאר דיר. (אדער אזוי ווי די נעמסט א לאנגע שטעקן// wave) און די דרוקסט קנעפלעך אויף זיין ווי פיי?

**קל וחומר** • 11טן סעפטעמבער 2016

נאכאמאל, טאמער מאכט עס נישט אויס פאר יענעם אין די ספיד אדער סיי וועלכע אנדערע שאדן איז עס א רעכטע זה נהנה וזה לא חסר ונר לאחד נר למאה.

**טרויבן88** • 11טן סעפטעמבער 2016

איך מעג ניצן דיין קאר אינמיטן די נאכט בשעת איך בין זיכער דו גייסט נישט פארן דערמיט?

און בכלל ניצן ווי פיי קאסט לעקטער! סא וואס איז מיט דעם?

און אויב ניצט מען עס לאנג איז עס מער ווי א שוה פרוטה

**כפתור** • 13טן סעפטעמבער 2016

כ'האב אנגעהויבן מיט דעם אז 'אויב ער האט נישט קיין שאדן'

בד"וו, אויב דו ווילסט 'טעפן' א מיטער, טו עס 'פאר' דעם מיטער, האט יענער נישט קיין שאדן

**כפתור** • 13טן סעפטעמבער 2016

מעג איך טוען א 'פעולה' און אנצונדן א לעכט פון יענעמס לעכט?

נר לאחד נר למאל

**טרויבן88** • 13טן סעפטעמבער 2016

דא איז עס נישט פון. עס איז יענעמס לעכט א גאנצע צייט

**אישתישבי** • 2טן יאנואר 2017

די שאלה דארף זיין איינגעטיילט אין אפאר חלקים.

א. ווען דער בעל הוויפיי פארלירט נישט, דעמאלט איז עס זה נהנה וזה לא חסר. וואס איז אסור אבער מען דארף נישט באצאלן.

ב. ווען דער בעל הוויפיי פארלירט יא. דעמאלס איז דא א חיוב לשלם.

ג. ווען דער בעל הווייפיי וואלט מיר געלאזט אויב איך וואלט אים געפרעגט. דעמאלס ווענד זיך עס אויב דער בעל הווייפיי פארלירט אדער נישט. אויב נישט מעג מען זיך משתמש זיין בתנאי אויב מען זאגט אים שפעטער.

ד. ווען ער לאזט עס אן א פעסווארד איז דא ידים מוכיחות אז ער לאזט.

ה. ווען די העקסט אריין, איז לכאורה אסור, ווייל ער וואלט קיינמאל נישט געלאזט העקן.

[...]

און קצת ליצונותא.

ז. אויב האט עס נישט קיין פילטער איז אין איסור חל על איסור.

ח. א חפצא דאיסורא ווען די נעמסט עס צו איז א מצוה.

ויש להאריך עוד

---

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

דריי קורצע ווערטלעך פון צוויי אשכולות: איינס וועגן מדת סדום, איינס וועגן א קינד'ס קשיות, און איינס וועגן צוויי אויגן.

## כופין על מדת סדום

### יין שרף:

די אמרי אמת זאגט אז דעם וואס די רמב"ם פסק'ענט "כופין על הצדקה" איז די זעלבע ווי "כופין אותו על מידת סדום", ווייל עס איז זה וזה נהנה, וויל ער וועט גארנישט דערלייגן, כמש"כ עשר בשביל שתתעשר...

קאווע שטיבל • „גוטע ווערטער בפרשת השבוע“ • 26סטן אויגוסט 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2801.html

## עבדים היינו

**רויטע וואנצעס:**

דערמאנסט מיר א ווארט כ'האב אמאל געקלערט אין דער הגדה.

דער תירוץ פאר דעם קינד'ס מה נשתנה איז עבדים היינו. פרעגן שוין אלע, וואס פאר א תירוץ איז דאס? נאר די כוונה איז "עבדים היינו" אונז זעמער געווען קנעכט, און אזוי ווי א קנעכט פרעגט שאלות מיט טענות און ערווארט נישט קיין תירוץ פון דעם הער, די זעלבע דארף דאס קינד וויסן אז ער מעג פרעגן קשיות, מ'הערט אים טאקע זייער שיין אויס, אבער נישט אלעמאל איז דא אויף דעם א תירוץ.

קאווע שטיבל • „א שמועס מיט מיין קינד איבער די מצוה פון ברית מילה" • 10טן נאוועמבער 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7542.html

## פארוואס האט א מענטש צוויי אויגן?

**קענער:**

דער פסוק זאגט: לא הביט און ביעקב
הרה"ק ר' יוסף יצחק פון ליובאוויטש זי"ע האט דערציילט: ווען איך בין געווען א קינד האב איך אמאל געפרעגט מיין טאטע'ן (הרה"ק רש"ב זי"ע) פארוואס האט דער אויבערשטער באשאפן דעם מענטש אז אויגן האט ער 'צוויי' אבער א נאז און מויל האט ער 'איינס'?
האט מיר מיין טאטע געפרעגט: קענסט 'אלף בית'? האב איך געענפערט "יא", האט ער מיר נאכאמאל געפרעגט: "צו ווייסטו אז עס איז דא א ש מיט א שׂ, אויב יא וואס איז די חילוק צווישן זיי? האב איך געענפערט: אז ווען די פינטעל איז ביי דער רעכטער זייט זאגט מען עס אנדערשט ווי ווען עס איז ביי דער לינקער זייט"
האט מיר מיין טאטע געזאגט: דאס איז די סיבה פארוואס עס איז דא צוויי אויגן, עס זענען דא זאכן וואס מען דארף קוקן דערויף מיט א רעכטע אויג, און עס איז דא זאכן וואס מען דארף קוקן דערויף מיט א לינקע אויג,
אויף א אידן מוז מען אייביג קוקן מיט א רעכטע אויג, און אויף א נאשעריי און שפילצייג מיט א לינקע אויג!
"פון דאן" האט ר' יוסף יצחק געזאגט "האב איך זיך געוואוינט צו קוקן אויף יעדע יוד מיט א גוט אויג, נישט קיין חילוק וואס ער איז"

קאווע שטיבל • „גוטע ווערטער בפרשת השבוע" • 3טן יולי 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2801.html

תורה און וויסנשאפט

# ליגנט זאגן

„ותכחש שרה לאמר לא צחקתי“ – און דער אייבערשטער אליין האט געטוישט אירע ווערטער צוליב שלום. וואס ווייסן די פארשער וועגן ליגנט זאגן: ווער ליגט, ווי אפט, און ווי אזוי כאפט מען א ליגנער?

פון **טאמבל סאס** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • וויסנשאפט • „ליגנט זאגן“ • 25סטן אפריל 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6302.html

ליגנט זאגן איז עפעס אויף וואס מיר אלע ווערן אנגעווארנט שוין פון גאר קליינווייז אן. ליידער וויפיל מ'זאל נישט מעורר זיין איבער ליגנט און וויפיל מ'זאל נאך נישט דערמאנען די מצות עשה פון דער תורה פון "מדבר שקר תרחק" זעט מען נאך אלץ פילע מענטשן וואס זענען געשטרויכלט אין ליגנט זאגן, און נאך אלץ באגעגענען מיר זיך מיט דעם סארט מענטשן וואס קענען זיך פשוט נישט צוריקהאלטן פון ווארפן ליגנטס רעכטס און לינקס. די גוטזאגערס באצייכענען די דוברי שקר מיט'ן באקאנטן ווערטל "ער ווערט רויט ווען ער זאגט די אמת."

פארוואס איז דאס אזוי? פארוואס זענען דא אזעלכע וואס האבן לייכט אויפגענומען ווען זייערע רבי'ס אדער עלטערן האבן זיי געלערנט די הארבקייט פון זאגן ליגנט, און פריער צו שפעטער האבן זיי במילא אליינס איינגעזען אז דאס ווערט זיי נאר מער שאדן ברענגען ווי גוט'ס, און מצד שני זענען דא דער אנדערער סארט, געשוואוירענע ליגענערס, וואס ס'איז זיי בשום אופן נישט אריינגעגאנגען אין קאפ. ליגנט איז ביי זיי ווי איינגעווארצלט אין נאטור. און איך ווייסט וואס כ'וועל אייך זאגן, ווי שטארק איך ווילט זיך איינרעדן אז איך זאגט "קיינמאל" נישט קיין ליגנט איז דער פאקט אז יעדער פון אונז ווערט נכשל דעריין אמאל; און מיר טויגן פיל בעסער דערצו ווי מיר מיינען.

אקעי, לאמיך אייך אויספרובירן. איך וועל אייך זאגן צוויי אמת'דיגע סטעטיטמענטס און איין ליגנט; לאמיך זען אויב איר קענט אויסטרעפן וועלכע פון זיי איז א ליגנט געווען. נומער איינס: איך פארמאג א מאשין אינדערהיים וואס מאכט פון פשוטע וואסער – צו קארבינעיטעד וואסער. נומער צוויי: איך בין געפערליך שוואך אין דעם שפיל - שאך. נומער דריי: די פרעזידענט פון אמעריקא איז מיין פעטער. ווער איר אוודאי לאכן, נו זיכער ווייסט איר וועלכער פון די דריי איז א ליגנט געווען. אבער הער, דאס אז איך בין פארעקומען ווי כאילו עמיצער וואס איז שלעכט אין שקר'ענען איז אויך א געווען א ליגנט!

## א מין חיה, א מין ליגענער

האט איר געוואוסט אז אין לויף פון א צען מינוט שמועס מיט א פרעמדן מענטש, וועלן מיר מענטשן זאגן, ווייניגסטנס דריי ליגנטס אין דורכשניט! פארשערס וועלכע שטודירן ליגנט זאגן אז די באטייליגטע אין דער שטודיע טוען זעלטן וואס באמערקן אפילו, אז זיי האבן ליגנט געזאגט. און די שאלה איז פארוואס? פארוואס זאגן מיר ליגנט? וואספארא טובה אין לעבן ברענגט אונז אט דאס ליגנט זאגן? כדי דאס צו פארענטפערן, לאמיר קודם מקדים זיין מיט אן אינטערעסאנטן פאקט. מענטשן זענען נישט די איינציגסטע באשעפענישן וואס זאגן ליגנט. מיין בעסטע דוגמא דערצו איז קאוקאו די מאלפע, וועלכע מען האט אויסגעלערנט שטום לשון צוריק אין די ניינצן-זיבעציגער יאהרן. זי האט אין א פאל באשולדיגט איר קליין קעצעלע - וואס מ'האט איר געגיבן פאר א פעט-שפילצייג - פאר'ן האבן ארויסגעריסן א קראן פון דער וואנט און איר צימער אנשטאט צו נעמען די שולד אויף זיך. אלזא זען מיר אז ליגנט זאגן איז נישט קיין נייע זאך אין נאטור. אבער פארוואס זענען דייקא מענטשן אזוי שטארק געשלאגן דעריין?

## שקר דובר וכסף נוטל

איז קודם כל איז וויכטיג אין באטראכט צו נעמען אז מענטשן זענען גאר שטארק -געזעלשאפטליכע באשעפענישן און מיר פארמאגן גאר גרויסע מוחות פאר די פילע קאמפליצירטע סאציאלע באציהאונגען וואס מיר פירן נאכאנאנד איינער מיט'ן צווייטן. פאר אונז מענטשן איז זיין סוקסעספול אין דער געזעלשאפט און מאכן אסאך פריינד - א שליסל אין אונזערע הצלחה אין לעבן. אלזא איז גאנץ פארשטענדליך אז 'ליגנט זאגן' איז א גוטע מעטאדע צו פארזיכערן אז די פילע סאציאלע באקאנטשאפטן אונזערע, פארן ווי געשמירט און צו דער זעלבער צייט נאך אלץ קענען גענים פון צייט צו צייט פון די אומטאלערירבארע אדער נישט אזוי אנגענומענע פארגעניגנס. דאס הייסט לדוגמא: אזוי לאנג ווי דיינע קרובים, פריינד און באקאנטע זענען צופרידן מיט דיר פארזיכערט דיר דאס זאלסט פארדינען אלע סארטן בענעפיטן, ווי למשל עסן; העכערע סטאנדארטן אין דיין געזעלשאפט; (פאר אונז אידן,

בעסערע שידוכים), און דער אמת איז אז דורכ'ן ארומגיין זאגן פאר מענטשן דעם אמת אין פנים אריין מאכט מען נישט צופיל חברים. פרוביר אויס צוזוגיין צו דיין פריינד מארגן צופרי אין ביהמ"ד און אים אריינזאגן אין אויער, ווי למשל, "ווייסט וואס כ'וועל דיר זאגן, דער אמת איז אז דער היט קוקט אויס אויף דיר ווי א קנעפל אויף אן עליפאנט." אדער, "איך האב נישט געפלאנט דיר צו פארציילן, אבער אזוי האב איך דיר נעכטן בארעדט אין שול, און מעכל דיין שכן האט אזוי גוטמוטיג מיטגעלאכט; סתם אין פאל אז דו האסט געמיינט אז ער איז דיין אמת'ער חבר."

אלזא די כישרון פון 'ליגנט זאגן' און די זעלבע די טאלאנט פון דערשפירן א ליגנט גייט שוין צוריק גאר פריה אין מענטשליכע היסטאריע; ווייל דאס איז איינפאך פון די יסודות'דיגע געזעצן פון געזעלשאפט. און אזוי ווי מיט אלע אנדערע וואפן געיעגן צווישן פעלקער דורכאויס היסטאריע, איז דער אנטוויקלונג פון 'ליגנט זאגן' אויך אדורכגעגאנגען אן עוועלוציע. ליגנט זאגן איז נישט אזא לייכטע עסק ווי עס קוקט אויס אויבנאויף. מענטשן זענען געווארן בעסער און בעסער אין זאגן ליגנט, און בעסערע ליגענערס האבן באקומען בעסערע פארדינסטן דערפון, האפענטליך... בלייבענדיג אין גוטע באציהונגען מיט זייערע קאמיוניטיס. און די זעלבע פון דער אנדערער זייט, די וועלכע זענען בעסער געווען אין אויפצוכאפן ווען עמיצער זאגט זיי א ליגנט, זענען אסאך ווייניגער אפגעפאפט געווארן אין מסחר וכדומה. און אזוי זענען מיר געווארן בעסער אין ליגנט זאגן, אבער צו דער זעלבער צייט אויך בעסער אין אנטדעקן א ליגנט.

## אמת מארץ תמצח

אבער ווי מער די פעלקער האבן זיך ציוויליזירט און געווארן סאפיסטיקירטע געזעצליכע געמיינדעס אדער לענדער, האבן מענטשן מיטאמאל זיך געגעבן א שטעל אפ און געזאגט, "אקעי! גענוג איז גענוג! געענדיגט מיט די ליגנטס." ווייל היות די מעלות פון לעבן אין אין ארנטליכע געזעצליכע געזעלשאפט, אוואו מענטשן זענען פארטרויעליך איינער צום צווייטן, זענען אסאך בעסער ווי לעבן אין א לבן הארמי געזעלשאפט, האבן דערפאר מענטשן ביסלעכווייז איינגעזען אז מ'מוז ענדיגן מיט די ליגנטס. ווייל שטעלט אייך פאר ווי אזוי עס איז צו וואוינען אין א געזעלשאפט וואו דו קענסט נישט זיכער זיין אויב דאס קינד וואס דו ציסט אויף איז ווירקליך דיינע, און אויב די קעמל וואס גרונם וויל דיך פארקויפן איז נישט נעכטן פארוויקלט געווען אין א מיאוסע צוזאמענשטויס און ער וועט זיך דארום מארגן אויסציען א טויטע און דאן, וועט דאס געלט וואס דו האסט באצאלט דערויף, טאקע זיין על קרן הגמל.

אין א סאסייעטי וואו בלאנטע ליגענערס קענען אומגיין מיט א פרייע האנט, הערשט א טאטאלע אנארכיע, אלזא האבן די ארגאנאזירטע געזעלשאפטן אנגעהויבן מאכן סדר. און דא האבן למשל די קריסטליכע רעליגיעזע גייסטליכע פארגעשטעלט דעם קאנצעפט אז גאט באשטראפט די ליגענערס און טוט באלוינען די אמת זאגערס, ווייל גאט איז אויף דער זייט פון די אמת זאגערס. אזוי ווייט אז אויב איז זיך עמיצן געקומען טויט-שטראף, אויף וועמענס זינד עס זענען קיין עדי ראיה נישט געווען, און עס איז נאר געווען דאס ווארט פון די פראקאורן אדער גלחים, האט מען עס לייכט געקענט באשטעטיגן דורכ'ן אים ארויפציען אויף דער תליה און זען אויב דער שטריק רייסט זיך איבער... אין טאקע אין די געציילטע פעלער ווען אזאנס אדער ענליכעס האט פאסירט, האט מען דעם באשולדיגטן פריי געלאזט.

היינט צוטאגס, אין אונזער געזעלשאפט, איז 'ליגנט זאגן' א געפערליכע עבירה אויף וואס מען באקומט תפיסה. ווי למשל, פאר'ן ליגנט זאגן אין א געריכט הויז. און אויף דעם העלפט נישט קיין "פרי ספיטש." אויך אויב זאגט עמיצער ליגנט אז ער האט באקומען א מעדאל פאר'ן דינען אין דער ארמיי, קען דאס אים קאסטן א זיץ אין חד גדיא.

## א פאטאלאגישע ליגענער

אלזא, "ליגנט זאגן, ליגנט זאגן, טאר מען נישט!" אבער ווי אויבן געזאגט, טויגן מיר דערויף. און אונזערע מוחות וויל ליגנט זאגן. קינדער הויבן אן ליגנט זאגן גאר פריה אין לעבן. געוויסע פארשער זאגן אזוי פריה ווי זעקס מאנאטן אלט. כ'מיין, כ'דארף ענק נישט זאגן. איר האט שוין זיכער געזען ווי אזוי א בעיבי שטעלט אן א פנים ווי עס וויינט כדי צו ציען אויפמערקזאמקייט און א האלבע מינוט שפעטער קוקט זיך ארום צו זען אויב עמיצער ארים קומט ווייזן עטוואס סימפאטיע. סייענטיסטן טראכטן אז דאס איז די צייט ווען בעיביס פאנגען אן צו לערנען זיך ווי אזוי צו זיין בעסערע ליגענערס, און ביי דער צייט ווען זיי דערגרייכן די שולע יארן, וועלן קינדער זאגן לכל הפחות איין ליגנט פאר זייער מאמע, אין יעדע 5 שמועסן.

איינמאל מיר ווערן ערוואקסן זענען מיר שוין אזעלכע גוטע ליגענערס אז מיר קענען גאר ליגנט זאגן צו זיך אליין. די טריק וויאזוי ליגנט צו זאגן פאר זיך אליינס איז דורכן האלטן אין קאפ צוויי קאנפליקטענדע שטיקלעך אינפארמאציע, אויפאמאל אין דער זעלבער צייט, און טראכטן נאר פון איינע בשעת'ן איגנארירן דאס אנדערס. מענטשן וואס זענען ווי מ'זאגט "געריבענע ליגענערס" קענען האלטן א פאק פון סתירה'דיגע אינפארמאציע אין זייער קאפ און געדענקען צו האלטן חשבון אויף יעדע איינע פון זיי. נעם למשל פאר א ביישפיל "פאטאלאגישע ליגענערס", מענטשן וואס טוען במזיד לייקענען, באשווינדלען און באטריגן אנדערע מענטשן. די אייגנשאפט פון אזעלכע סארט מענטשן איז אז זיי זענען גאר גוט אין זעלבסט-פארנארונג. אין דעם מאמענט,

בשעת ווען זיי זאגן א ליגנט, גלייבן זיי מיט'ן גאנצן הארץ זייער אייגענעם ליגנט.

## א פארדרייטע קאפ

אינטערעסאנט אז די מוחות פון א פאטאלאגישע ליגענער און א נארמאלער מענטש האבן אייגענטליך פיזישע דיפערענצן. דער אינטערשיד איז אין דעם מערסט-פאדערשטן חלק פון דעם מח, גערופן די "פרי-פראנטעל קארטעקסט." מערסטנס ניורא-סייענטיסטן טוען אין זייערע שטודיעס לייגן א געוויכט אויף די גרויע-מעטטער פון די מח; דאס איז די מאטריאל אין דעם מח וואס טוט אייגנטליך פראצעסירן אינפארמאציע. למעשה, כמעט האלב פון דעם מח באשטייט פון ווייסע-מעטטער, דאס איז די טייל וואס באשטייט פון פארבינדעטע טישו וואס פירן די עלקעטרישע סיגנאלן פון איין גרופע ניוראנס צו דער אנדערער. אלזא גרויע-מעטטער איז דארט וואו אלע פראצעסירונגען פאסירן, און ווייסע-מעטטער איז וואס פארבינדט די פארשידענע חלקים אין דעם מח.

אין א שטודיע פון דער יוניווערסיטי אין דרום-קארליפאניע האבן פארשער געפינען אז פאטאלאגישע ליגענערס האבן בערך פינף און צוואנציג מער פראצענט - ווייסע-מעטטער אין זייערע פרי-פראנטעל קארטעקסט - פון אנדערע מענטשן. דאס איז מעגליך די סיבה פארוואס זיי קענען מאכן גאר אסאך פארבינדונגען, אין גאר א שנעלע צייט, צווישן די פארשידענע חלקים אין מח; און דאס איז וואס ערמעגליכט זיי צו האלטן אלע אינפארמאציע אין סדר אזוי ארום ערמעגליכענדיג אז זיי זאלן קענען סיי רוהיג אנהאלטן זייער ליגנט, און אויכעט צו קענען אפלייענען דעם מענטשן צו וועמען זיי זאגן דעם ליגנט. און ס'איז נאך נישט געענדיגט מיט דעם. זיי דארפן אויך מצליח זיין צו באהאלטן זייערע געפילן און ווארשיינליך אויך אליינס גלייבן אין דעם ליגנט וואס זיי זאגן.

## סוף שקרן לגליה

איז די שאלה יעצט, פארוואס האבן נאכנישט די פאטאלאגישע ליגנערס איבערגענומען די וועלט, אויב האבן זיי טאקע אזעלכע געוואלדיגע פעהיגקייטן איבער אונז איבריגע תמימות'דיגע מעקעלעך?

אה, דער ענטפער איז: קען טאקע זיין אז די חברה האבן אן איבריגע פארציע פון ווייסע-מעטטער, אבער ווען ס'קומט צו די גרוי-מעטטער, האבן די ליגענערס, א פערצן פראצענט רעדוקציע דערפון אין זייערע מח, אין פארגלייך צו געווענליכע מענטשן. די גרויע-מעטטער איז אוואו אלע קריטישע מחשבות ווערט פראצעסירט. טראכט דערפון אזוי: די ווייסע-מעטטער טוט פארשלאגן, "אהה, איך וועל זאג פאר זרח'ן אז איך האב רוח הקודש." און די גרויע-מעטטער ענטפערט אפ, "נעה, ער וועט מיר זיכער אנקוקן פאר א צעדרייטער."

פאטאלאגישע ליגענערס האבן גאר א שווערע פעלד ווען עס קומט אנצוהאלטן שלום בית אדער בלייבן אויף א סטאבילע שטעלע, וויבאלד נאך א שטיק צייט, ווען זיינע ארומיגע רעאליזירן אז זיי האבן דא צוטון מיט א בלעכענע כזבן, טוען זיי גיך פטור ווערן פון אים, און ס'איז נאה לעולם אבער נישט אזוי נאה להם.

אבער אויב עקזיסטירן אזעלכע גוטע ליגענערס אויף דער וועלט, דאן ווי אזוי קענען מיר אויסגעפינען ווען דער יעניגער זאגט ליגנט? ריכטיג, עס זענען פארהאן געשולטע פארשער, און סאפיסטיקירטע מאשינען צו דערשפירן די פארשידענע סענסעטיווע ענדערונגען וואס געשעט אין אונזערע קערפער בשעת'ן זאגן א ליגנט, ווי למשל א לייכטע טויש אין דער שטימע, הארץ קלאפענישן און שוויצן, אבער גאר פיפיגע ליגענערס קענען צומאל דאס אויך באהאלטן. אויף דעם איז דער ענטפער אז נישט קיין נפקא מינא וואסערע גוטע ליגענער דו ביסט וועט עס סוף כל סוף שטענדיג ארויסקומען. צו דורך די קערפער צייכענעס אדער דורך דיין ווערטער-אויסוואל.

נעם א שטייגער אזא סטעיטמענט: "גלייב מיר! נישט איך בין געווען דער וואס האט פארציילט דעם לשון הרע אויף דיר."

דריי סיבות פארוואס זאלסט נישט מיר נישט גלויבן ווען דו הערסט מיר זאגן אזא סטעטימענט. איינס: א ליגענער וועט אלעמאל מקדים זיין, זאלסט אים גלייבן כדי דיך איבערצוציינן ווי ערנסט ער מיינט עס און ווי ווייט ס'גייט אים אן זיין באגלויבטקייט ביי דיר. די ווערטער ווי "גלייב מיר!", "כ'מיין עס ערנסט!" אדער "כ'וויס וועסט מיר נישט גלייבן, אבער.." זענען די ערשטע באוויז אז ס'פאלגט נאך א גלאטע ליגנט. צוויי: איך האב נישט גענוצט קיין ווערטער פארקירצונגען, ווי למשל, ס'איז, כ'האב, נאר אנשטאט האב איך גענוצט גאר פארמאלע שפראך. ליגענערס וועלן אפט באנוצן פארמאלע שפראך, אפצולייקענען עפעס וואס זיי זענען אייגנטליך יא באגאנגען. און דריי: איך האב געזאגט "נישט איך בין געווען דער וואס האט פארציילט דעם לשון הרע אויף דיר." איך האב מיך פרובירט ווי מער צו דערווייטערן פון דעם גאנצן סיטואציע.

מיר טראכטן פון ליגענט ווי פון עפעס וואס ווערט געזאגט מיט אן אינערליכע אנגעצויגענע נערוועזיציטעט אבער דער אמת איז נישט אזוי. מיר באמערקן דאס נישט, אבער ווען מיר זאגן ליגנט טוען מיר פארשטייפן אונזערע קערפער, כדי צו שאפן זיכערקייט און קאנפידענץ. און מיר קוקן מער אריין אין יענעמ'ס אויגן בשעת'ן זאגן דעם ליגנט. נישט ווייניגער, נאר מער. שוין אביסל צו סאך.. ליגענערס וועלן אויך צומאל, בשעת'ן זאגן דעם ליגנט, מאנעווירן מיט זייערע קערפער אין א סארט מאניפעסטירונג וואס

טוט געוועגליך אנדייטן דאס פארקערטע פון דעם וואס זיי זאגן. דאס הייסט למשל: שאקלען דעם קאפ פון לינקס צו רעכטס בשעת'ן זאגן יא, און לאכן ווען זיי ענדיגן צו פארציילן א מעשה, אויך אויב די מעשה איז א שרעקליכע.

פארשטייט זיך אז די פארשער און לאו ענפארסמענט אגענטורן זענען כסדר פארנומען מיט'ן לערנען און טרענירן זיך וויאזוי אויפצוכאפן די געשולטע ליגענער וואס ווערן אלץ קלוגער און ראפינירטער ווי אזוי סוקסעספול צו באהאלטן זייערע ליגנטס פון די אינסטאנצן. זיי קומען אוואדאי כסדר אויף מיט מער פארגעשריטענע טעכנעלאגישע פראגרעמס און אפאראטן, אויגן-טרעקערס און MRI מח סקענערס, צו דעטעקטן און כאפן די פארברעכער ביי א ליגנט און צו ערזעצן די אלטע ליי דעטעקטאר טעסטן.

נו, וועל איך אויב אזוי פרובירן צו זאגן מיינע צוויי אמת און איין ליגנט אויף א מח-סקענער און זען אויב זיי וועלן דאס אויפכאפן.

עה, כ'בין זיכער זיי וועלן מיר כאפן ביי דעם ליגנט. איך בין געפערליך שלעכט אין ליגנט זאגן.

אבער אפשר איז דאס אויך א ליגנט...

אנשי שם • כ"ב חשון

# ר' עזריאל דער אייזערנער קאפ, און די צוויי קברים אין לובלין

כ"ב חשון איז די יארצייט פון ר' עזריאל הורוויץ, דער רב פון לובלין, דער גרויסער מתנגד פונעם חוזה. צום יארצייט האט „הוגה" אין 2016 ארויפגעלייגט אין קאווע שטיבל א מעשה וועגן זיינע און דעם חוזה'ס קברים. די מעשה איז אויף לשון קודש, און איז ערשט געשריבן געווארן אויף פייסבוק; מיר ברענגען זי ווי זי איז.

פון **הוגה** • אויף לשון קודש, נישט מגיה געווען

קאווע שטיבל • א שמייכל • „אשכול און א טיטל #9840" • 21סטן נאוועמבער 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9840-3.html#p355101

---

לרגל יומא דהילולא של גאון הגאונים, ה"ה רבי עזריאל הורוויץ, רבה של לובלין, המכונה 'ר' עזריאל דער אייזענער קאפ' (ראש הברזל), נזכרתי במעשה נאה עד מאד אודותיו, אותו סח לי חד מיקירי ירושלים, ולא אמנע טוב.

באחד משיעורי החומש, סיפר ראי"ס שליט"א מעשה בשם אביו, ה"ה הגרי"ד הלוי זצ"ל, בנו בכורו של מרן רי"ז הלוי זללה"ה. וזה דבר המעשה. פעם שלחו אביו מבריסק לורשא, בעניין ציבורי כלשהו. הוא הגיע לורשא לפנות ערב, ונכנס לאחד מבתי החסידים דשם, להתפלל מנחה מעריב.

בין התפילות היה מעט זמן פנוי, והגרי"ד ישב ללמוד. בספסל שלפניו ישבו שני יהודים חסידיים, וסחו בדברים העומדים ברומו של עולם. בתוך הדברים סיפר האחד לרעהו, שבאותו בוקר, לרגל יומא דהילולא של ר' עזריאל הורוויץ, ערך הרבי לחיים טיש אחרי תפילת שחרית, ובתוך הדברים אמר הרבי, כי למרות שכידוע היה ר' עזריאל מתנגד חריף, ויחסיו עם ה'חוזה' שהיה עמו בלובלין היו לא פשוטים, בלשון המעטה, עם כל זאת היתה ביניהם ידידות והערכה מופלגת, כדי כך הגיעו הדברים, שהשניים ביקשו ואף נקברו זה לצד זה, לגודל אהבתם איש את רעהו.

לא יכולתי להתאפק, סיפר הגרי"ד, והתערבתי בשיחתם. סיפרתי להם שזה עתה הגעתי מבריסק, ובדרך, לרגל היארצייט של ר' עזריאל, עברתי דרך בית החיים דלובלין, לומר פרק תהילים על קברו. ובכן, ראיתי את קברו, וכן את קברו של החוזה. זה בצד אחד של בית החיים, וזה בצד השני.

מסתכל עלי החסיד כתרנגול בבני אדם, ואומר לי: מה אתה מבלבל את המח, הלא אני בעצמי התפללתי הבוקר עם הרבי שליט"א, ובאזני שמעתי דבר זה מפיו, ואיך יעמוד החי ויכחיש את החי? שבתי ואמרתי לאותו החסיד, הלא בעיני ראיתי את שני הקברים, לפני כמה שעות, ואיך תאמר לי שאני טועה, כאשר אתה עצמך לא ראית את בית העלמין דלובלין מימיך? מה יש לראות, משיב היהודי לעומתי, הלא אזני שמעו ולא זר, את הדברים מפורש יוצאים מפי הרבי. ומה לי אם ראיתי אם לאו. שוב ניסיתי, מספר הגרי"ד, ואמרתי לאותו חסיד: יודע הנך, הלא מכאן ללובלין המרחק קצר, הבה ונלכה שמה, ונראה יחדיו את קבריהם של שני גדולי לובלין, ונראה אם צדקו דברי הרבי אם לאו. אין מה לראות, פסק החסיד את פסוקו. דבר ששמעתי באוזני מפי הרבי, אין העיניים יכולות להכחיש.

את הסיפור הזה סיפר ראי"ס ב'חומש שיעור', והשמחה היתה גדולה.

לאחר השיעור, ניגש לראי"י אחד התלמידים, בחור חסידי מארה"ב, ואומר לו כדלהלן: לפני כמה חודשים, בשלהי קייטא, ארגנו אצלנו בבארא פארק נסיעה לקברות צדיקים ביורופ, ואני הק' השתתפתי בה. היינו אצל הרבי ר' אלימלך זי"ע, אצל אור שבעת הימים הבעש"ט הק', אצל האדמו"ר הזקן, אצל הנחל נובע, ואף בלובלין היינו, אצל אדוננו החוזה, זכותו יגן על כל ישראל. ושם, צמוד לקברו של החוזה, ראינו את קברו של רבה של לובלין, ידידו ויריבו של החוזה, הלא הוא ר' עזריאל איש הורוויץ, המכונה 'ר' עזריאל דער אייזענער קאפ'.

דממה השתררה בחדר. כל הבחורים השתתקו בתדהמה, ורק ראש הישיבה, ראי"י שליט"א, קפץ ממקומו בתוך כדי דיבור, וקרא בסערה כלפי הבחור: ווי קען דאס זיין, איך האב דאך אליין געהערט די מעשה פון טאטען! (כיצד ייתכן הדבר, הלא אני בעצמי שמעתי את הסיפור הזה מאבא...)

והדברים נפלאים עד מאד, לכל לב מבין.

לוח

# יארצייטן פון דער וואך

י"ח–כ"ד חשון. די טעג י"ח–כ' זענען פון דער רשימה אויף היידפארק פון תשס"ד (2003), ווען די טעג זענען אויסגעפאלן אויף די זעלבע טעג פון דער וואך ווי היי־יאר (די ערשטע טעג פון יענער רשימה זענען געווען אינעם ערשטן נומער). די טעג כ"א–כ"ד זענען פונעם אשכול „יארצייט'ן“ אין קאווע שטיבל, פון „סקרן“ (2017) און „ליטוואק פון בודאפעסט“ (2018): kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11188.html

**פון פרזניק10 (באדיבות כינר1) • סקרן • ליטוואק פון בודאפעסט**

היידפארק • חסידיש נייעס • „הילולא דצדקיא“ • 9טן נאוועמבער 2003; 10טן–13טן נאוועמבער 2017; 1טן נאוועמבער 2018
https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p5481227

---

### דאנערשטאג, י"ח חשון • 29סטן אקטאבער

- הרה"ק ר' יחזקאל הכהן מראדומסק ב"ר אברהם יששכר דוב זי"ע (בעמח"ס כנסת יחזקאל) • תרע"א
- הרה"ק ר' יעקב ב"ר יצחק מהוסיאטין זי"ע • תשי"ז
- הגאון ר' רפאל ברוך טולידנו אבד"ק מקנס • תשל"א
- הגאון ר' נחום ב"ר אריה צבי פרצוביץ זצ"ל ראש ישיבת מיר בירושלים • תשמ"ז

### פרייטאג, י"ט חשון • 30סטן אקטאבער

- הרה"ק ר' שמשון הלוי מאוזיראן ב"ר משולם פייביש בעל יושר דברי אמת זי"ע • ת"ר
- הרה"ק ר' פנחס ב"ר ישעיה עפשטיין זצ"ל ראב"ד העדה החרדית ירושלים • תש"ל

### שבת קודש פרשת וירא, כ' חשון • 31סטן אקטאבער

- הרה"ק ר' שלום הלוי מקאמינקא ב"ר יעקב יוסף זי"ע • תרי"ב
- הגאון ר' משולם יששכר הורוביץ מסטאניסלב זצ"ל • תרמ"ח
- הגאון ר' משה נתן נטע למברגר זצ"ל אבד"ק מאקאווא קרית אתא • תשמ"ג
- המקובל ר' מרדכי ב"ר יהודה שרעבי זצ"ל מירושלים • תשד"מ

### זונטאג, כ"א חשון • 1טן נאוועמבער

- ר' חיים יעקב מלימנוב זי"ע, חתן ר' שלמה הראשון מבאבוב זי"ע; חתנו: ר' שלמה השני מבאבוב זי"ע • תרצ"ה
- ר' ישראל אברהם שטיין מפאלטישאן זי"ע, חתן ר' אלעזר מפאלטישאן זי"ע • תש"ן

### מאנטאג, כ"ב חשון • 2טן נאוועמבער

- ר' דוד שלמה אייבישיץ זי"ע (בעמח"ס ערבי נחל, לבושי שרד) • תק"ע
- ר' עזריאל מלובלין, ה'אייזערנע קאפ' זי"ע • תקע"ט
- ר' יששכר דוב בר"י מבעלזא זי"ע; מבניו: ר' אהרן מבעלזא, ר' מרדכי מבילגריי • תרפ"ז

### דינסטאג, כ"ג חשון • 3טן נאוועמבער

- הרב משה מידנער פון באראנאוויטש

### מיטוואך, כ"ד חשון • 4טן נאוועמבער

- ר' גדלי' משה ב"ר שלומק'ה מזוועהיל זי"ע • תשי"ו

הומאר

# מיין שלעבטער גאסט געבער

אברהם אבינו איז געלאפן אנטקעגן די געסט. דער גאסט אין דער מעשה האט באקומען א הויז אין מאנסי בחינם אויף א שמחה – און האט זיך אויפגעהערט אנצוקלאגן נאר ווען ער איז אוועקגעפארן.

פון **קפנדריא** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • א שמייכל • „מיין שלעבטער גאסט געבער“ • 23סטן נאוועמבער 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7627.html

מיין הויז איז מיר זייער באקוועם, איך זוך נישט אוועק צו גיין און איינער זאל מיר נאך טון א טובה און ארייננעמען, אבער אז מ'דארף זיך אויפהייבן און גיין אויף א שמחה, מוז מען, (אינ'אמת'ן זוך איך שוין א ווייל אוואו צו קענען כאפן א פרייע וואקאציע חינם אין כסף..) וואו טרעפט מען אבער א היימישע געשמאקע אכסניא אין די ווייטע "מאנסי", ס'זאל זיין נאנט צום זאל און ביהמ"ד וואו מ'דאוונט, און פארשטייט זיך בחינם אויך, און ווי פארשטענדליך זיין כאטשיג סעמי-פריוואט, אין א פאראהעלטניסמעסיג פרישע נייע הויז.. טוט מען אויס די שטאלצע אויבערראק, און מ'הייבט אויף א טעלעפאן צו דער ווירדיגער שוויגער, נישט איך חלילה, די פרוי די עקרת הבית שטרעקט אויס די האנט צו דער מאמען, די שוויגער מיט אירע קאנעקשאנס וועט זי טרעפן אן אכסניא אפילו אין זיד אמעריקא, און אפשר אפילו אויף דער לבנה אדער כוכבי לכת, זי איז דער וואס קען מיט אירע שטופערישע כוחות פון אן אפגעריסענעם ארעמאן ארויסקוועטשן א גרויסע נדבה, און פון א פאריאגטע עקרת הבית א פארפארעטע מאמע ארויסרוקן גאנצע געקאכטע מאלצייטן פאר די וואס ברויכן עס, און קען פון א טויטן ארויסקוועטשן א גוט ווארט, און פון א ליטוואק א שמייכל..

מאנסי איז זיכער נישט מער ווי מיט איין קוועטש אויף א קנעפל אויפ'ן טעלעפאן, ממש אזוי? נישט אינגאנצן, עטליכע טעלעפאן קאלס האט זי געדארפט מאכן, אבער יא, די שוויגער האט ענדליך געכאפט א חבר'טע וואס זי האט "איינגעקויפט" יארן צוריק אין קאנטרי, ווען די מאנסי משפחה האט נאך - נעבעך - געוואוינט אין דער שטאט, און זיי האבן פארברענגט עטליכע זומערס מיט מיין היכגעשעצטער שוויגער, וואו זיי האבן אנגעקניפט נאנטשאפט, און מיט עטליכע טעלעפאנען אהין און צוריק איז די זאך געווארן מסודר, איך בין "הארצן גערן" געווארן רעזערווירט אויף שב"ק וירא ביי דער שיין אויפגעפיקסטער בעיסמענט דירה ביי משפחת גוטהארץ אין סאמע בעסטע געגענד פון שטאט, נישט ממש אזוי גערן, ווייל די פרוי גוטהארץ האט זיך קודם פרובירט ארויסדרייען מיט פארשידענע ארויסגעקוועטשטע תירוצים, איין תירוץ, אמער זי מאכט חתונה אין אפאר וואכן, און די כלה'ס מלבושים ליגן דארט, אויך איז די לחץ און פרעשור אין די הויכע נומערן אויפ'ן ריכטער וואג, אויב נישט גענוג האט זי נאך א טאכטער א קימפעטארין וועלכע זי דארף ארייננעמען ביי זיך אין שטוב, זי האט געדארפט אנקומען אהין - טאקע אין דעם בעיסמענט דירה'לע - נאך פאר שב"ק, אבער מיין שוויגער "האט איר איבערצייגט" אז ס'איז עכט צייט איר צו אפשטופן מיט'ן נעמען דעם קימפעטארן אויף זונטאג נאכמיטאג ווען מיר פלאנען (נאכנישט) זיך צו יאגן אהיים, אויך איז דער דירה אביסל א פריוואטע באנוץ, ווייל די גוטהארץ משפחה פירט זייער אפיס פון אט דעם דירה'לע, די מאם-ענד-פאפ אנליין געשעפטן ווערן האלבוועגס געפירט פון דעם בעיסמענט הארט נעבן דעם, און וואכנטעג איז ממש אוממעגליך צו האבן דארט געסט, אבער מיין גערעטענע שוויגער האט שיינערהייט מסביר געווען וואסארא לייכטע מענטשן מיר זענען, און מיר דארפן גארנישט, קוים נעמען מיר אויף פלאץ, ממש נאר פארקירן אונזערע באגאזשן דארט, און אראפלייגן אונזערע פעקלביינער דארט די פאר שעה צווישן איין סעודה און צווייטן, מיר וועלן אנקומען פרייטאג נאכמיטאג, אדער העכסטנס שפעט דאנערשטאג ביינאכט, און געוויס וועלן מיר פארלאזן די אכסניא אין דער באשטימטער צייט, מוצאי שבת אדער נישט שפעטער ווי זונטאג מיטאג..

טראץ וואס אונז דארפן די וואקאציע "באמת" ווי א לאך אין טעפל, דאך, אז מ'איז שוין דא די פאר "געצוואונגענע טעג" עמיר עס אויסנוצן ווי געהעריג, און אנהויבן גענוג פרי און אויסציען ווילאנג מ'קען.. און אזוי ווי מיר זענען גאר פונקטליכע מענטשן, אונז זעמיר דאך נישט פון די פארשלעפטע, און מיר האבן זיך ארויסגעלאזט נאך דאנערשטאג ווען ס'איז געווען גרויס טאג, די קאר האט געריסן אויפ'ן וועג וועלכע האט צו מזל נישט געהאט צופיל טרעפיק, זעמיר אנגעקומען מבעוד יום, מיט אפאר שעה פריער ווי געפלאנט, קלאפן מיר אויפ'ן טיר מיט גרויס עקסייטמענט, און מיר קלונגען דעם גלאק צו משפחת גוטהארץ..

ווען ס'גייט דורך אפאר מינוט (אפשר נאר אפאר סעקונדעס?) און די טיר מיט די פרייליכע ברוך הבא עפנט זיך נישט פאר אונז ווי ערווארטעט, ווילן מיר שוין ארויסציען די סעלפאון אריינגעבן די שוויגער פאר דער געמיינער אכסניא וואס זי פארשאפט אונז, מוחל די ברייטע שמייכל, און ווארעמע טועמיה פון זיי, נישט אפילו עפענען א טיר פאר אזעלכע חשוב'ע געסט? לאזן ווארטן אין דער קעלט?

אבער ליבערשט האמיר צוגעניגט אן אויער צום טיר, ס'קען זיי גאנץ אינטערעסאנט זיך איינצוהערן ווי די מאנסי לעבן גייט אן אין "ריעל לייף", האמיר טאקע ארויסגעהערט א קול ענות פון בהלה, "יוי, זיי זענען שוין דא, אזוי פרי, מאטי, מאך זיכער אז די סייד טיר איז אפן, און די בוילער רום איז פארמאכט, פערל, קוק אויב טאטי'ס קאמפיוטער איז צוגעדעקט און זיינע קאווע גלעזל זענען ארויסגענומען, מענדעלע'ס זאקן טראג שנעל ארויף, די שמוציגע האנטוך ליגט נאך דארט?? יוכבד!! שנעל נעם ארויס די גארבידזש, רוק ארויף די סטים, אוי, זיי קלונגען שוין ווייטער, לייג אריין די "פאניני מעיקער" אין קלאזעט דארט אונטן נעבן דעם מייקראוועיוו! ברענג אראפ די מזונות מיט א צוויי סאדעס, קאפס און א פרישע טישא באקס, זאג נאך איין מינוט"...

ענדליך נאך דריי פיר לאנגע מינוטן האט זיך די ווייטיגע טיר געעפנט, די בעלת אכסניא באגריסט אונז מיט אזא געמאכטע פאלשע גרויסע שמייכל, זי האט אונז מיט געמאכט העפליכקייט צוגעוויזן אז דאס וועט זיין אונזער סעמי פריוואטער ארייגאנג, מיר האבן באקומען די שליסלען, ווערנדיג אנגעזאגט צו געדענקען יעדע מאל צו פארשפארן די טיר! בייטאג אדער ביינאכט, דא ליגן טייערע זאכן און קאמפיוטערס וכו' וכו' כ'האב שוין נישט געהערט אלע אזהרות.. און מיר זענען אריין, זיך געפרייט צו זיין אינעווייניג אין "אונזער" האטעל צימער, איך וויל נישט מאריך זיין, אבער אין קורצן, מיר האבן תיכף אריינקומענדיג געשפירט אויפ'ן ריח אז דאס איז א ריכטיגע בעיסמענט, זיי האבן אונז פשוט אפגענארט ווען זיי האבן גערעדט צו מיין שוויגער וועגן דעם שיינעם נייעם הויז.. זיי האבן געטון א ברישע טובה און געעפנט א פרישע שמעקער אויפ'ן טיש, שלא יריח אותו צדיק.. אבער ס'האט נאר געהאלפן אויף א העלפט, אריינגייענדיג אין אונזער "פריוואטער" צימער איז מיר שלעכט געווארן, טאקע גאנץ שיין, ס'איז דאך פארט א נייער הויז, פרישע בעט געוואנט, א שיינע בית כסא'לע מיט פריוואטע סינק, אבער אלעס אזוי קליין, אה, זיי האבן טאקע צוגעגרייט א פלעשל משקה מיט א טעצל מזונות, גראדע גאנץ א גרויסע טאץ, אבער וואו ועלן מיר זיך צושפרייטן דא במשך אונזער וואקאציע? א פיצעלע שענקל וואס דארף דינען פאר א טשעסט פאר דער גאנצער צייט, פאר אזא לאנגע וואקאציע האבן מיר מיטגענומען עטליכע וואליזן, חוץ פון זעקלעך מאכלים ומעדנים, האלב די זאכן האמיר געדארפט לייגן אויף בענקלעך,

און אויף דער פאדלאגע, שוין, מיר האבן גלייך געזען אז די וואקאציע אונזערע איז נישט אין א פינף שטערנדיגע האטעל, קיין זייגער נישט צו געפינען, ווער רעדט נאך א וועקער זייגער, דער בעל אכסניא נעמט אויף זיין אחריות מיין סוף זמן קרי"ש? צו סוף זמן תפילה? וואו איז א סידור צו קענען בענטשן, לייענן קרי"ש, זאגן המפיל? נישטא! איז דאס טאקע א אידישע אכסניא?

נאך טון א חסד מיט דעם בעל הבית און טועם זיין פון די מזונות וואס זיי האבן אנגעגרייט, און צובייסן פון די מעדנים וואס מיר האבן זיך מיטגעפאקט בין איך געגאנגען דאווענען מנחה מעריב, און אהיימגעברענגט א שמעקעדיגע נאכטמאל פון "עוועררגרין", און זיך צורעכט געמאכט און אויסגעשפרייט אונזער סעודה'ניו אויף "זיין" ארבייטס טישל, ניין, איך פיל נישט שלעכט אז כ'האב פארנוצט זיין דעסק פאר א פארטי טעיבל, ער האט געהאט א ברירה צו אנגרייטן א טיש פאר אונז, אז מ'לאדנט געסט אויף אזא לאנגע צייט גרייט מען אן ווי א מענטש, וואו זאלן מיר עסן? אויף דער ערד? ווי די טערקן?

פאר'ן שלאפן גיין האב איך אנגעשטעלט די הייצונג אויף 72, איך קען נישט נעמען קיין טשענסעס צו שלאפן אין דער קעלט, אין דערהיים מאך איך טאקע די סטיעם נאר אויף 69, אבער נישט אין מאנסי,די מאנסיער פרעסטן זענען נישט פאר קיינעם געדאכטן, איך בין נישט געקומען אהער זיך צו פארקילן, אינמיטן נאכט ווען כ'האב געשפירט אז ס'איז נישט אויסצוהאלטן די היץ, עפעס אזא שטארקע סטיעם האבן זיי, כ'האב געעפנט דעם פענסטער א טראפקעלע, ס'איז געווען אזוי אנגענעם נאכדעם, ביז 10:00 האב איך זיך נישט געקענט ארויסרייסן פון בעט...

מיר האבן אזוי פארברענגט דארט ווי די פייגעלעך אין זייער נעסטל, מ'האט אונז געגעבן די אכסניא, איז עס אונזער, וויפיל מיר האבן געקענט זעמיר דארט געווען, מיר האבן גוט אנגעהאלטן אונזער פריוועסי און בעלות אויף אונזער בעיסמענט, נאך דאס האבן מיר געדארפט? טרעפן דארט די גוטהארץ קינדער שפילן הארט נעבן אונזער בעדרום ווען מיר זענען נישט דארט?..

דער שלימזול'דיגער בעל אכסניא האט אונז בלויז געגעבן איין פאר שליסלעך, האב איך בלית ברירה געלאזט אפן די טיר, כדי אויב מיין ווייב גייט ארויס זאל זי נישט בלייבן אויסגעשפארט, אזוי איז די טיר געבליבן אויפגעשלאסן דורכאויס גאנץ פרייטאג, אזוי ביז איבער שב"ק, אפילו פרייטאג צונאכטס האמיר "פארגעסן" צוצושפארן, א גאנצע דאגה, אז די בעלי בתים דא האבן מורא אין די שטילע מאנסי צו לאזן אפן א טיר, זאלן זיי גיין פאר העלפ.. מוצ"ש זעמיר אהיימגעקומען גאר שפעט, און צו אונזער גרויס אנטוישונג איז נישטא קיין גרעניץ, די טיר איז פארשפארט! און פארשטייט זיך די שליסלעך האמיר געלאזט אינעווייניג ווי געוועגליך, איך האב מצליח געווען מיט מיינע טריקס צו עפענען

די אונטערשטע שלאס, אבער די שלעכטע שטיינהארציגע חברה האבן אונז אויסגעשפארט! די אויבערשטע שלאס איז פארמאכט, זיי ווילן אונז צופיקסן דא, איך בין ממש כמעט אריין אין א כעס, מוחל טובות! לאדן נישט איין קיין מענטשן אין דיין פארשטינקענע קעלער אויב דו האלטסט נישט ביים אויפנעמען מענטשן ווי מ'דארף!

שוין געווען גאנץ שפעט אינמיטן נאכט, אבער איך בין ארויף מיט אן אייפער און גענומען קלונגען זייער בעל האסטיג אפאר מאל, דער בעל הבית איז געקומען צו לויפן (קוקט אויס כ'האב אים ארויסגעשלעפט פון בעט אדער פון בית הכסא..) ער האט זיך געמאכט תמ'עוואטע ווי ער ווייסט ניטאמאל אז די בעיסמענט איז צוגעשפארט, און זיך אזוי בלאפער'דיג אנטשולדיגט.. און ער איז עס שיינערהייט אראפ געגאנגען עפענען..

זונטאג ווען מיין ווייב איז צוריקגעקומען האב איך איר עקסטער געשיקט קלאפן ביי דער הויפט טיר, און אראפקומען צום בעיסמענט דורך זייער דירה, ערשטנס האט זי א גאנצע צייט זייער געוואלט זען זייער שיינע הויז, די הערליכע פאיער אריינקום, די גרויסע דיינינג רום, די טייערע קאך, אפילו כאפן א זייטיגע בליק אויף די בעדרומס, אבער בעיקר האב איך געוואלט זיי אויסלערנען אז מ'שפארט נישט אויס קיין געסט..

די קאר וואס האט אונז געדארפט אהיים נעמען זונטאג נאכט האט אונז איינגעמאלדן אז ער נעמט אונז נישט, אייגנטליך האט ער ניטאמאל איינגעמאלדן, ער האט אונז איגנארירט אינגאנצן! נישט צוריק גערופן, נישט אויפגעהויבן א טעלעפאן נישט צו מיין ווייב און נישט צו מיין שוויגער (אזויפיל גרידי און שלעכטע מענטשן דא אויף דער וועלט).. זעמיר פשוט געבליבן סטאק, האמיר באשלאסן צו בלייבן אויף מאנטאג, און זען וואו אונז קענען פארשאפן א וועג בחנם, פאר די בעלי אכסניא איז נישט איינגעפאלן אונז צו אפפערן נאכטמאל, זיי זעען אונז זענען נעבעך דא געבליבן, פאלט אייך נישט איין אז מיר זענען אויך מענטשן? נישט קיין פראבלעם, דאסמאל בין איך געגאנגען מיט דעם ווייב אין א גוטן רעסטוראנט און זיך געלאזט גוט וואוילגיין, מוחל ענקערע טובות, א נקמה אין אלע פראנצויזן!

מאנטאג צופרי ווען איך קום אהיים פון דאווענען, זע איך צו מיין שטוינונג די בעלת הבית זיך דרייען אין בעיסמענט, איך האב באהאלטן מיין ברויזונג אינעווייניג, א ברעקל מענטשליכקייט? דו גיסט ארויס דיין בעיסמענט פאר פרעמדע מענטשן, אביסל רעספעקט פאר זייער פריוואסי! נישט ריכטיג? איך האב מיך אריינשפאצירט ווי דער מלך אין זיין וויינגארטן, און זי האט טאקע תיכף ארויפגעפעקעלט צו איר פאלאצל אויבן..

ווען מיין ווייב איז אויפגעשטאנען נאך 11:00 האמיר זיך געוואשן צו א פיינע פרישטאג פון ראקלענד קאושער, איך האב ניטאמאל ערוואורטעט פון די גוטהארץ'ס זאלן פארשטיין וויאזוי מכבד צו זיין אן אורח, און אונז שמועסן אזוי געמיטליך ווען מיין ווייב'ס סעלפאון צווינגט זיך, ווער רופט? די שוויגער? אן איידיע וואו אונז קענען גיין "סייט סיאינג" היינט? אפשר געטראפן א רייד? בכלל נישט, וואס יא, וואס זאגט זי דארט? וואס ביסטו אזוי בלאס? "מיין מאמע זאגט... אז מרס. גוטהארץ האט גערופן פרעגן איידעלערהייט ווען אונז גיימיר זיך שוין פון דא"? אן אומדערהערטע חוצפה! איך קען עס באמת נישט גלייבן.. "זי זאגט אז מיין מאמע האט איר געזאגט ביז שפעטסטנס זונטאג נאכמיטאג, איר מאן דארף ארבעטן דא, זי אויך, און זייער קימפעטארן....." איך וויל נישט הערן, איך בין נישט נייגעריג וואס די סעלפיש שטיינהארצ'ס האבן צו זאגן, איך ווייס גארנישט פון קיין קימפעטארן, און איך ווייס אז דער בעל הבית האט זיך א געהעריגע אפיס נעבן דושי ענד דושי, ער דארף נישט די אפיס דא, איך ווייס איין זאך, אז אונז האבן באקומען די אכסניא, און זיי דארפן זיך אויסלערנען וויאזוי מ'נעמט אויף פרעמדע געסט! זיי ווייסן נישט אז דאס הויז האבן זיי באקומען פון הימל צו אריינגעמען געסט?? נישט צו ליגן אין קאוטש ליינען צייטונגען, און אוודאי נישט צו רודפ'ן זייערע געסט, פון וואנען שטאמען זיי פון סדום ועמורה? פון לוט'ס ווייב?!

מאנטאג נאכט האמיר ענדליך געפונען א ביליגע דרייווער, וואו ארויס פון א גלות האמיר זיך אפגעטראגן פון דארט, אבער נישט אינמיטן טאג, נאר גאר שפעט ביינאכט, אז זיי זאלן נישט אפילו וויסן אז מיר זענען געגאנגען, זאלן זיי לערנען דעם לעסאן! פארשטייט זיך קיין יישר כח האבן מיר נישט געזאגט, יישר כח פארוואס? פאר נעמען אן ארענטליך פארפאלק און אזוי אויספייניגן? אזוי צו פארשלאגן די אפעטיט די אפעטיט פון דער גאנצער וואקעישאן? קיין מתנה פארשטייט זיך האמיר נישט איבערגעלאזט (דאס האב איך לכתחילה נישט געוואלט קויפן, מענטשן דארפן טון מצוות פאר קיין באצאלט, מצוה בשלימות איז נאר שלא על מנת לקבל פרס..) . אהיימקומענדיג אין שטאט האב איך באמערקט אז זייערע שליסלעך זענען געבליבן ביי אונז, גוט פאר זיי, עניוועי האמיר עס כמעט נישט גענוצט, כ'וועל עס שוין אמאל אפשיקן, אפשר זומער אויפ'ן וועג צום טאטן אין קאנטרי.. דערווייל וועל איך עס גוט באהאלטן, איך וויל עס נישט זען, פארוואס זיך דערמאנען די "מיסערעבל מעמארים"?

האט נאך איינער דא אין קאווע שטיבל געהאט אמאל אזא אדער ענליכע עקספיריענס מיט שלעכטע גאסטגעבער? לאזט אייך הערן!

נ.ב. דאס איז נישט קיין נאוועל, דאס איז א ריכטיגע מעשה אפגעשפילט דעם ווינטער, איך האב גראדע נישט געהערט די מעשה פון דעם אנגעלייגטן גאסט, דער טייערער אינגערמאן וועלכער איז געוואקסן אין א רייכע שטוב געבעט אין זיידן,

געפלעגט מיט פויגל מילך וואס די גאנצע וועלט איז אים אלעס שולדיג, נאר פון דעם "שלעכטן בעל אכסניא" וואס האט אין א שווערע אנגעשטרענגטע צייט ארייגעמומען דעם צדיק מיט זיין בני בית, און ער ווארט נאך יעצט אויף דעם יישר כח, איך מיין די שטיינער.. , מחמת קוצר הפנאי האב איך אויסגעלאזט פיל פרטים פון די "אומגעלונגענע וואקאציע"..

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 29סטן אקטאבער, אין פריערדיגע יארן? צוויי מאל קאווע שטיבל – איינמאל וועגן א ווארט, און איינמאל וועגן א נאמען.

## כויפער אינעם אידישן ווערטערבוך

**פרייוויליג** • קאוועשטיבל • קאווע שטיבל • 29סטן אקטאבער 2018

"די רגע וואס די טיר האט זיך געעפענט האט מען געזען א איד מיט א ווייסע בארד, און אליהו הנביא האט זיך באוויזן במלוא קומתו", און דער רבי האט געשריגן: קום אריין:" אט מיט די ווערטער האט אלישע, א חסידישער איד אין די מיטעלע יארן פייערדיג פארענדיגט די מעשה, אין פארנט פון א קיפקע חסידים, וואס האבן געשלינגען מיט דארשט יעדעסווארט. "שקר וכזב" האט נתן א כעס'יגער געשריגן, די מעשה קען נישט זיין אמת. פארוואס האט מען קיינמאל די מעשה נישט געהערט? און בכלל די מעשה לייגט זיך נישט אויפן שכל. "אפיקורס!" "כופר!", האט מיטאמאל אין דער שול א כאאר אפגעהילכעט. וואס טוט זיך מיט "אמונת צדיקים" האט אייזיק מיט אן עזות דקדושה געפרעגט. אויך ר' בערל שלייקעס האט נישט געשווינט קיין מוסר, ווען צווישן אנדערע ווערטער האט זיך דאסווארט "משכיל!" ארויסגעריסן פון צווישן זיינע ציין.

***

מען דערציילט אז ווען דער רמב"ן האט געפירט א ויכוח מיט פבלו כריסטיאני אין ברצלונה, האט דער רמב"ן אינמיטן ספאנטאן אויסגעשריגן: "כופר!" - היסטאריקער טיילן צו אז דער רמב"ן האט געווינען יענעם ויכוח מיט א לענדסלייד. אן ענליכן עפיזאד האט זיך אפגעשפילט ווען ר' יונתן זאקס און ריטשארד דאקינס האבן דעבאטירט אין אקספערד יונעווערסעטי, און ר' יונתן האט אינמיטן שאקירט ריטשארד און אויסגעשריגן: "אפיקורס!" – ריטשארד איז אהיים געגאנגען אבל וחפוי ראש.

***

אין א אידישן ווערטערבוך טרעפט מען דאס ווארט "כופר" מיט די פאלגענדע טרענסעלעשן; "כופר": אן ענטפער פאר אן אומבאקאנטע מיינונג. (פראנאנס - כוי-פע-ר. אויסלייג - כופר: זאכווארט. כופר: אדיעקטיוו. כופר: ווערב. לערנער – אן 'אביעקטיווער' ענטפער וואס איז בכח צו טערמינירן א שמועס באלד ביים אנהייב. ביישפיל - איך גלייב נישט אין דיין רבי'ן, "כופר"!)

***

"כופר" איז א ריפלעקשן פון אראגאנס צו דעם ווארט "מיינונג". דער ווארט "כופר" ביים היימישן עולם איז תמיד לובש צורה, עס איז קיינמאל פושט צורה. עס האט איין לבוש. כופר מיינט איך דיסעגרי, כופר מיינט איך פארשטיי נישט, כופר מיינט ביסט כופר אין מיך.

כופר איז געווארן כופר ווען אמונה איז געווארן אמונת צדיקים. אמונת צדיקים איז געווארן ווען אמונות חכמים איז געווארן אמונת צדיקים. אמונות צדיקים איז געווארן אמונה ווען אמונה איז געווארן גלייבן אין מעשות צדיקים נגד השכל.

אמונה איז כפירה ווען אמונה איז גלייבן אין רוה"ק, און כופר איז נישט גלייבן אז ער האט רוה"ק. אמונה איז כפירה ווען אמונה איז גלייבן אין גילו אליהו, און כופר איז נישט גלייבן אז ער האט גילו אליהו.

דער אראגאנס פון נארישע אמונה איז דער אראגאנס פון נארישע כפירה. אויב איז אזוי גרינג צו גלייבן איז דאס אויך גרינג כופר צו זיין. אויב אמונה איז יעדער זאך וואס איך פארשטיי, דאן איז יעדער זאך וואס יענער פארשטייט נישט, כפירה. אויב אמונה באשטייט פון אמונות טפילות דאן איז יענעמס מיינונג כפירה. אויב איז אמונה פשוטה אמונת צדיקים דאן איז דיין חבר'ס שיטות כפירה.

ווען אמונה און כפירה איז שווארץ אדער ווייס, דאן ווערן מיינונגען "כפירה". ווען עס איז נישטא קיין חילוק פון "נישט גלייבן" און "כופר זיין" דאן ווערן מיינונגען "כפירה".

ווען דער רמב"ם ז"ל רעכענט אויס אילו שאין להן חלק לעולם הבא, אדער מהו כופר, האט ער אנשטאט געבן איין נאמען "כופר" פאר אלעס, האט ער דאס צוטיילט אין קאטעגאריעס.

יש מין, יש אפיקרוס, ויש מי שכופר בתורה:

- א מין איז איינער וואס איז כופר שאין אלוה ואין לעולם מנהיג.
- א מין איז האומר שיש שם מנהיג אבל הן שנים או יותר.
- א מין איז האומר שיש שם רבון אחד אבל שהוא גוף ובעל תמונה.
- א מין איז האומר שאינו לבדו הראשון וצור לכל.
- א מין איז העובד כוכב או מזל וזולתו כדי להיות מליץ בינו ובין רבון העולמים.
- אן אפיקורס איז האומר שאין שם נבואה כלל ואין שם מדע שמגיע מהבורא ללב בני האדם.
- אן אפיקורס איז המכחיש נבואתו של משה רבינו.
- אן אפיקורס איז האומר שאין הבורא יודע מעשה בני האדם.
- א כופר בתורה איז האומר שאין התורה מעם ה', אפילו פסוק אחד, אפילו תיבה אחת, אם אמר משה אמרו מפי עצמו, הרי זה כופר בתורה.
- א כופר בתורה איז הכופר בפרושה והוא תורה שבעל פה, והמכחיש מגידיה, כגון צדוק ובייתוס.
- א כופר בתורה איז האומר שהבורא החליף מצוה זו במצוה אחרת, וכבר בטלה תורה זו אע"פ שהיא היתה מעם ה', כגון ההגרים.

איך וועל מסיים זיין מיט א ציטאט פון מלך שפירא אין איינער פון זיינע מאמרים:

הרש"ש בחידושיו לשבת לא ע"א דלא מיקרי כופר אלא אחר החקירה בכל חלקי הסותר, אבל מי שלא חקר בדבר אינו נקרא כופר. ודברי הרש"ש נאמרו לגבי אמונה בתורה שבע"פ ואפילו הכי כתב, על פי דברי רש"י במס' שבת שם, שיש הבדל בין מי שאינו מאמין ובין מי שכופר, ומי שלא למד את "הסוגיה" א"א לקרוא אותו כופר.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12671.html

**4**
יאר צוריק
2022

## אריגינאלע נעמען פון בארימטע מענטשן

**berlbalaguleh** • קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • 29סטן אקטאבער 2022

די גמרא דערציילט אז ר' מאיר פלעגט מדייק זיין אין א מענטש'נס נאמען. „berlbalaguleh“ האט אנגעהויבן אן אשכול מיט דער מעשה:

די גמ' (יומא דף פ"ג ע"ב) פארציילט א מעשה אז 3 תנאים/אמוראים, רבי מאיר, ר' יהודה און ר' יוסי זענען געגאנגען אין וועג. ס'איז געווען ערב שבת, נאנט צום זמן פון שבת, זיי האבן געזוכט א פלאץ וואו מ'קען באהאלטן דאס געלט וואס זיי האבן געהאט מיט זיך (אפשר אויך די דרייווינג לייסנס און קרעדיט קארדס). האבן זיי אריינגעקלאפט אין א טיר און געפרעגט דעם בעה"ב אויב מ'קען ביי איהם באהאלטן געלט ביז איבער שבת. ער האט געזאגט... יא, זייער גערן... ר' מאיר, וועלכער האט אייביג מדייק געווען אין דעם נאמען פון א מענטש מיט וועם ער האט געהאנדלט, ווייל ער האט געהאלטן אז מ'קען וויסן די פערסאנאליטעט און כאראקטער פון א מענטש לויט זיין נאמען, האט געפרעגט ביי דעם מענטש וואס זיין נאמען איז. האט ער געענטפערט..."כידור"... ר' מאיר האט געזאגט (צו זיינע חברים) דער נאמען געפעלט מיר נישט... ס'דא א פסוק "כי דור תהפוכות הם", איך טראסט איהם נישט. זיינע חברים האבן געזאגט ס'איז גארנישט... נאר א נאמען. זיי האבן איהם איבערגעגעבן דאס געלט צו האלטן. ר' מאיר האט געזוכט אן אנדערע פלאץ. ער האט געטראפן אין בית החיים צווישן די מצבות...!

נאך שבת ווען זיי זענען געקומען בעטן דאס געלט האט יענער (מר. כידור) געזאגט, "שלום עליכם. איך זע אייך "היינט צום ערשטן מאל אין מיין לעבן". וואספארא געלט רעדט עטץ פון?...!" האבן זיי שוין געזען אז ר' מאיר איז געווען גערעכט. די סוף פון דער מעשה איז זייער אינטערעסאנט מיט וואספארא טריק זיי האבן צוריקבאקומען זייער געלט, אבער ס'נישט קיין נפקא מינה דא.

וואס אונז לערן מיר ארויס פון דעם איז אז פון א נאמען קענמען א סאך מאל דערקענען וואספארא מענטש ער איז.

אבער אפילו אונז קענען נישט אפלערנען די פערסאנאליטעט פון א מענטש לויט זיין נאמען, איז דאך אינטערעסאנט צו וויסן אז זייער א סאך בארימטע מענטשן אין דער וועלט האבן געטוישט זייער אריגינאלע נאמען.

[...]

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15611.html

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אין 2006 האט „shilepic“ געפרעגט אויף היידפארק: אויב דער באשעפער אליין זאגט מיר צו טון עפעס, פאלג איך דאך – וואס איז דען די גדולה פון דער עקידה? „ישמחלב“ האט געענטפערט – און די קשיא איז נאך היינט א שטארקע:

> דער עיקר שאלה איז נישטא וויאזוי ער האט געוואוסט אז דער באשעפער רעדט צו אים, דאס איז דאך נישט שייך צו באגרייפן די הייליגקייט פון די אבות און מיר וועלן דאס קיינמאל פארשטיין וויאזוי א נביא אדער א מלאך קאמיוניקירט מיטן באשעפער.
>
> אבער אזויפיל צו זען אז אהבת ה' קען גיין אויף אזוי ווייט ביז צו שחטן דאס אייגן קינד דאס זעט מען נישטא, ווייל אויב איך נעם אן אז ער האט געהערט דאס בפירוש פון הקב"ה, איז דאס נישט אהבת ה' עס איז בלויז נארמאלקייט צו פאלגן דיין באשאפער.

**ישמחלב** • היידפארק • 4טן יוני 2006

https://hydepark.sites.tab.bot/t/1932465.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פאָרום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **לכבוד שבת קודש** | „עקדת יצחק מיט מאראלישע גלעזער“ · **רבי איד**<br>כוואליעס · אנטאלאגיע, סוכות תשפ"ו · אשכול „עקדת יצחק מיט מאראלישע גלעזער“ · 3טן אקטאבער 2025<br>https://chvalyes.sites.tab.bot/n/antologie.html#z4 |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | „שאלות אויף פרשת וירא: וויפיל טעכטער האט לוט געהאט?“ · **קרעמער און חברים**<br>היידפארק · היימישע קרעטשמע · אשכול „שאלות אויף פרשת וירא“ · 13טן–22סטן נאוועמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1667520.html |
| **הלכה־שמועס** | „גנבענען ווײַ פײַ“ · **טרויבן88 און די חברים פון קאווע שטיבל**<br>קאווע שטיבל · טעכנאלאגיע · אשכול „גנבענען ווײַ פײַ (wifi)“ · 10טן סעפטעמבער 2016 – 2טן יאנואר 2017<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10899.html |
| **תורה און וויסנשאפט** | „ליגנט זאגן“ · **טאמבל סאס**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „ליגנט זאגן“ · 25סטן אפריל 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6302.html |
| **אנשי שם • כ"ב חשון** | „ר' עזריאל דער אײַזערנער קאפּ, און די צוויי קברים אין לובלין“ · **הוגה**<br>קאווע שטיבל · א שמייכל · אשכול „אשכול און א טיטל #9840“ · 21סטן נאוועמבער 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9840-3.html#p355101 |
| **הומאר** | „מיין שלעכטער גאסט געבער“ · **קפנדריא**<br>קאווע שטיבל · א שמייכל · אשכול „מיין שלעכטער גאסט געבער“ · 23סטן נאוועמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7627.html |
| **היינט מיט 8 יאר צוריק** | „כויפער אינעם אידישן ווערטערבוך“ · **פרייוויליג** · קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · 29סטן אקטאבער 2018<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12671.html |
| **היינט מיט 4 יאר צוריק** | „אריגינאלע נעמען פון בארימטע מענטשן“ · **berlbalaguleh** · קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · 29סטן אקטאבער 2022<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15611.html |
| **יארצייטן פון דער וואך** | **פרזניק10 (באדיבות כינר1) · סקרן · ליטוואק פון בודאפעסט** · היידפארק · חסידישע נייעס · „הילולא דצדקיא“ · 9טן נאוועמבער 2003; 10טן–13טן נאוועמבער 2017; 1טן נאוועמבער 2018<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p5481227 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „כופין על מדת סדום“ · **יין שרף** · קאווע שטיבל · „גוטע ווערטער בפרשת השבוע“ · 26סטן אויגוסט 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2801.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „עבדים היינו“ · **רויטע וואנצעס** · קאווע שטיבל · „א שמועס מיט מיין קינד איבער די מצוה פון ברית מילה“ · 10טן נאוועמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/7542.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „פארוואס האט א מענטש צוויי אויגן?“ · **קענער** · קאווע שטיבל · „גוטע ווערטער בפרשת השבוע“ · 3טן יולי 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2801.html |
| **די תגובה פון דער וואך** | **ישמחלב** · היידפארק · 4טן יוני 2006<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1932465.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** מאנטאג, דעם 2טן נאוועמבער – נומער 4, דער צווייטער וועלטליכער נומער. דאנערשטאג, דעם 5טן נאוועמבער – נומער 5, אויף פרשת חיי שרה.

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.